Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 277 | Łódź Poniedziałek, 30 listopada 1931 r. | נײַנטער יאהרגאנג | לאדז, מאָנטאג, כ׳ כסלו תרצ״ב | № 277

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

שפאנישע קלעריקאלען בעוואפענען די קירכען און קלויסטערס

מ א ד ר י ד, 29 (ספ. טעל.) עס איז אנט־דעקט געוואָרען א גרויסער שמוגעל פון געוועהר פון פראנקרייך קיין דרום שפאניען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אינסטרוגנוי־מען געוואָרען אַן אויספאָרשונג, ביי וואָס עס איז געלונגען צו פערהאלטען, אויף דער שפאנישער טעריטאָריע מעהרערע שמוגלערס.

עס איז געשמוגעלט געוואָרען פערשידענע מינים געוועהר, אפילו אויך מאשינען־געוועהר.

ווי די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט איז דאָס געשמוגעלטע געוועהר געווען בעשטימט פאר די קירכען און קלויסטערס, וועלכע בעוואָפנען זיך.

אין די קלעריקאלע קרייזען האָט מען נאָך נישט אויסגעגעבען די האָפנונג צוריקצוגעווינען די מאכט און זיי קלערען נאָך וועגען א נייעם בירגער־קריג. דאָס געוועהר זאָל זיי נוצען אויף צו בעשיצען די קירכליכע און קלויסטער־בנינים.

א שרפה אויף אַ שיף

ל אָ נ ד אָ ן, 28 (ספ. טעל.) אין פאָרט הפיכהאם איז פערברענט געוואָרען דער גרויסער דאַמפער „לענקעסטער".

די שרפה איז אויסגעבראָכען אין מאָמענט, ווען דער דאַמפער איז ארויסגעשוואומען אויפ׳ן אָפענעם ים. צווישען די פאסאזשירען איז ענט־שטאנען אַ שרעקל׳כע פאניק. די גאנצע שיף איז פערברענט געוואָרען.

———

דרייסטער רויב־אָנפאל אויפ׳ן וועג קיין ירושלים

30 מענשען זענען בערויבט געוואָרען

י ר ו ש ל י ם, 29 (י.ט.א. טעלעגראפיש) א מחנה בעוואָפענטע באנדיטען האָט אויפ׳ן וועג פון ירושלים קיין יריחו פערהאַלטען אַן אויטאָמאָ־ביל און בערויבט 30 פאסאזשירען. די באנדיטען האָבען די פאסאזשירען טעראָריזירט און צוגענומען געלד און אלע קאָסטבארע חפצים, וואָס זיי האָבען ביי זיך געהאַט. צווישען אנדערע זענען בערויבט געוואָרען דער דירעקטאָר פון דעם ירושלים׳ער אינסטיטוט פאר אויגען־קראנקהייטען און די טאָכ־טער פון אנגליקאנישען בישאָף אין ירושלים.

י ר ו ש ל י ם 29 (יטא טעלעגראפיש) דער באנדיטען־אָנפאל האָט אין גאנצען לאנד געמאכט אַ גרויסען רושם. ס׳איז פאָרגענומען געוואָרען א שטרענגע אויספאָרשונג, כדי צו ענטדעקען די באנדיטען.

—=:O:=—

שארפער אנגריף געגען יודישע ריכטער

איז רומענישען פארלאמענט

ב ו ק א ר ע ש ט 28 (יט״א) אויף דער לעצ־טער זיצונג פון רומענישען פארלאמענט האָט דער אנטיסעמיטישער פיהרער מיגאפור ראקו שארף אַנ־געגריפען די געצאָהלטע יודישע ריכטער, וואָס געפינען זיך אין בוקאווינא. דער וויצע־יוסטיץ־מיניסטער האָט געענטפערט, אז אלע ריכטער פון רומעניען, אָהן אונטערשיד פון זייער רעליגיעזער אנגעהעריגקייט שטעהען אויף דער הויך פון זייער אויפגאבע און ס׳איז נישטאָ וואָס זיי פאָרצוווארפען.

אויפנאהמע לכבוד גענ. סמוטס

איז הויז פון ד״ר חיים ווייצמאן

ל אָ נ ד אָ ן 28 (טעלעגראפיש דורך יט״א) אין הויז פון ד״ר ווייצמאן וועט פאָרקומען א גרוי־סע אויפנאהמע לכבוד דעם גענ. פרעמיער אין אפריקא גענ. סמוטס. אין דער אויפנאהמע וועלען אנטיילנעמען עטליכע ענגלישע מיניסטאָרען, א רייה ציוניסטישע פיהרער.

דעם פריינד
לעאָן זארזשעווסקי
צו זיין חתונה מיט פרל.
עדזשא שאפראן
א הארציגען מזל טוב
ישראל ראזענבערג.

דעם אדמיניסטראַטיווען לייטער פון אונזער פערלאַג, דעם חשוב׳ען חבר
דוד זילבערבערג
צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער מוטער
נ. ע. שרה
דריקט אויס דעם האַרציגסטען מיטגעפיהל
דער פערלאַג
„נייער פאלקסבלאט"

Naszemu koledze
p. Dawidowi Zylberbergowi
oraz Rodzinie z powodu zgonu Ich
B. P. MATKI
wyrażamy najgłębsze współczucie
IGNACOSTWO POMERANC.

דעם חשוב׳ן לייטער פון פערלאַג „נייער פאלקסבלאַט"
ה׳ דוד זילבערבערג
צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער
מוטער נ״ע
דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקט אויס
שיע קאפעל.

צו דער חתונה פון פרל׳
פעלא פעלדשטיין
מיט ה׳
שמעון גורא
ווינשט א האַרציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט
אַנדזשאַ לענקאווסקא

דעם חשובן דירעקטאָר
ה׳ ד. זילבערבערג
צוליב׳ן טויט פון זיין
מוטער נ״ע
דריק איך אויס דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל.
מ. רייך.

אונזערע חשיב׳ע פריינד
משה גרשון פלום און פרוי
צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען
זוהן נ. ע.
דריקען מיר אויס אינזער איניגסטען מיטגעפיהל.
זייט געטרייסט! י. באמבעל און פרוי.

Dr. med
W. Eychner
אַקוש־ריע און פרויען־קראַנקהייטען
וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4
(נעבען קינא „טשאַרי") טעל. 134-72
נעהמט אָן פון 2 1/2 – 4 און פון 7 – 8 אָוונד

דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזער פריינד
דוד זילבערבערג
אין זיין צער צוליב׳ן טויט פון זיין מוטער
שרה נ״ע
דריקען אויס
לעאָן זאַרזשעווסקי און פרוי

מארשאל פילסודסקי, גענ. סקלאדקאווסקי און פולקאוניק סלאוועק

זאלען ארויסגערופען ווערען אלס עדות אין „בריסקער״ פראצעס

וו א ר ש א, 29 (טעלעפאניש). אין די זשור-נאליסטישע קרייזען האט מען היינט גערעדט ווי אלס פאקט, אז די פראקוראָרען גראבאָווסקי און ראוזע טראגען אריין אין געריכט א פארשלאג ארויסצורופען אלס עדות אויפ'ן „בריסקער״ פרא-צעס דעם מארשאלעק פילסודסקי, מיניסטער סקלאדקאווסקי, פולקאווניק סלאוועק, און שעף פון יער סיים קאנצעלאריע מאיאר דזשאדאש.

פראוויזארישע רעזולטאטען פון דער פאלקס-צעהלונג אין א״י

י ר ו ש ל י ם, 28 (יט״א) לויט די פראווי-זארישע רעזולטאטען פון דער אדמיניסטראטיווער פאלקס צעהלונג בעטרעפט די שטאטישע בעפעל-קערונג אין ארץ-ישראל 387525 פערזאן, די דאר-פישע — 647926 פערזאן.

אין ירושלים געפינען זיך איצט 90520 פערזאן, איך פערגלייך מיט דער פאלקס-צעהלונג אין יאהר 1922 איז די בעפעלקערונג אין ירושלים געשטיגען מיט 50 פראצענט, די בעפעלקערונג אין חיפה איז פון דעמאלט אן געשטיגען מיט איבער 100 פראצענט. אין 1922 זענען אין חיפה געווען 24.000 פערזאן איצט 50,000.

ענטדעקט א געהיימנישפולע פערשווערונג אין אונגארן

געצילט איינצופיהרען א דיקטאטור

ב ו ד א פ ע ש ט, 29 (ספ. טעל.) אין בודא-פעשט זענען היינט פערשפרייט געווארען ידיעות, אז עס איז ענטדעקט געווארען א פערשווערונג. עס איז דערביי געקומען צו א צוזאמענשטויס און 11 אפיצירען זענען ארעסטירט געווארען.

אן אפיציעלער קאמוניקאט פון דער פאליציי ערקלערט קאטעגאריש, אז עס האנדעלט זיך ווענען אנ'ענטדעקונג פון א געמיינעם פערברעכען, וואס האט גארנישט צו טון מיט פאליטיק.

די צייטונגען ווייסען גארנישט וועגען דעם צו בעריכטען.

ב ו ד א פ ע ש ט, 29 (פאס). אין צוזאמען-האנג מיט די לעצטע ארעסטען קאמענטירט די פאליציי, אז די פאליציי האט שוין פון א לענגערע צייט געוואוסט וועגען דער עקזיסטענץ פון א געוויסער ארגאניזאציע און אויף דעם יסוד האט מען ארעסטירט א רייה פערדעכטיגע פערזאנען.

די ארגאניזאציע האט ארומגענומען מענשען פון פערשידענע פאליטישע ריכטונגען.

צום קורסירען קלאנגען, אז די ארגאניזאציע האט געהאט דעם ציל צו פראקלאמירען א דיקטא-טור מיט א ראדיקאלען פראגראם.

א געשלעג אויף א... פרידענס-קאנגרעס

פ א ר י ז, 29 (ספ. טעל.)) בעת די נעכטיגע בע-ראטונגען פון אינטערנאציאנאלען פרידענס-קאנ-גרעס אין פאלאץ „טראקאדערא״ איז געקומען צו אן אומגעהערטען סקאנדאל.

דער סקאנדאל האט זיך אנגעהויבען, ווען ס'-האט געוואלט רעדען דער דייטשער דעפוטאט יאס. א געוועזענער עלזאסער, מ'האט אנגעהויבען צו שרייען, טומלען, ווארפען מיט בענקלעך און זיך שלאגען. נאך שטארקער איז געווארען דאס גע-שלעג, ווען מ'האט געלייענט א בעגריסונגס-דעפע-שע פון סענ. בארא, וועלכער האט אמאל געהאט ערקלערט, אז פראנקרייך איז דאס אימפעריאלים-טישסטע לאנד אין דער וועלט.

אין זאל האבען גענומען איינקומען זשאנדאר-מען און איינשטילען דאס געשלעג. די פראנצויזישע דעלעגאטען האבען אויך שארף פראטעסטירט געגען אנטייל פון איטאליענישען דעלעגאט אויפ'ן פרי-דענס-קאנגרעס.

ב ע ר ל י ן, 29. (ספ. טעל.) די בערלינער פרע-סע בריינגט היינט אויספיהרליכע ידיעות וועגען דעם סקאנדאל, וואס איז פארגעקומען בעת דער עפענטליכער ענטוואפנונגס-מאניפעסטאציע אין פא-ריז אין זאל „טראקאדערא״-פאלאץ.

לויט די לעצטע ידיעות האט זיך דער שטורם אנגעהויבען מיט'ן אויסגעשריי: „היטלער! היט-לער״! ווען דער דייטשער דעלעגירטער יאס האט אנגעהויבען רעדען.

עס איז געקומען צו א געשלעג צווישען די אנהענגער פון געגנער פון א צוזאמענארבייט מיט די דייטשען, די פייפעריי האט אנגעהאלטען עט-ליכע מינוט.

דער פארזיצער הערי, ווען עס האט זיך נישט איינגעגעבען צו איינצושטעלען די ארדנונג, האט זיך געוואנדט צו רופען פאליציי.

ווען עס איז אריין אין זאל די רעפובליקאנישע גווארדיע, האט זיך ערשט איינגעגעבען איינצושטע-לען רוה.

דער דייטשער דעלעגירטער יאס האט אנגעהויבען דאן זיין רעדע, נאר מען האט איהם כסדר איבערגעריסען מיט די אויסגעשרייען: „היטלערס רעפארמען!״

יאס האט אין זיין רעדע ערקלערט, אז אויפ'ן יסוד פון ווערסאילער טראקטאט, האבען זיך די דייטשען פולשטענדיג ענטוואפענט. די דייטשע רעגירונג ווארט איצט דערויף, אז אויך אלע אנדערע פעלקער זאלען אויך זיך ענטוואפענען. אויב נישט, איז דער שלום אין געפאהר, און נאר די אל-געמיינע ענטוואפנונג קען פערזיכערען דעם שלום.

דער רעדנער האט פערענדיגט זיין רעדע אונ-טער א געוואלדיגען טומעל.

דער איטאליענישער דעלעגאט האט גערעדט זעהר שטיל, אזוי אז קיינער האט נישט געהערט וואס ער זאגט. פון עטליכע זייטען האט מען איהם צוגעוואָרפען צווישענרופען: מאטעאטי, און אנ-דערע אנטיפאשיסטישע שטעך-ווערטלעך.

די אוואנטורע האבען זיך אנגעהויבען, ווען עס האט גערעדט לארד ראבערט סעסיל, דער ענג-לישער דעלעגאט, ווייל ער האט גערעדט ענגליש.

אין ענגלישען קאמיטעט פאר ארץ-ישראל

געהערען אנגעזעהענע ענגלישע פערזענליכקייטען

ל א נ ד א ן, 28 (יט״א) נעכטען האט זיך געעפענט די קאנפערענץ פון ענגלישען ארץ-ישראל-קאמיטעט, וועלכער האט פאר א ציל צו שטעהען אויף דער וואך פון די אינטערעסען פון דער יי-דישער נאציאנאלער היים אין דער קאנפערענץ האבען אנטיילגענומען א רייה אנגעזעהענע פער-זענליכקייטען פון פארלאמענט און לארדען-הויז אויסער טשעמבערליין, טשערטשיל, די טאכטער פון לאיד דזשארדזש, מארקיז האריגטאן, לענדסבורי און אנדערע.

די פערזאמלונג האט אנגעהערט א בעגרי-סונגס-רעדע פון פ״אס. בראדעצקי, וועלכער האט גערעדט וועגען דער עמיגראציע קיין ארץ ישראל און וועגען אנדערע ארץ-ישראל-פראבלעמען.

אלס פארזיצער פון קאמיטעט איז געוועהלט געווארען דעפ. לאן בעקען, וויצע-פארזיצער, קא-לאנעל וועדזשוואוד. סעקרעטאר דעפ. קאנעל דזשיני"ר.

ענדערונגען אינ'ם געזעץ וועגען בעשעפטיגען יוגענדליכע

ו א ר ש א, 29 (טעלעפאניש פון אונזער קאר-רעספאנדענט). אין לעצטען נומער פון „דזש. אוסט״ איז פערעפענטליכט דאס געזעץ פון 7. נאוועמבער ה. י., וואס ענדערט איניגע בעשטימונגען פון געזעץ פון יולי ה. י.

די ענדערונגען בעציהען זיך וועגען בעשעפ-טיגען יוגענדליכע אין אלע ארבייטס-שטעלען דאס בעשטימען די צאהל, יוגענדליכע, וועל-כע מען מעג בעשעפטיגען אין אנ'ארבייטס-שטעל, וועט פארקומען ערשט נאך א פערשטענדיגונג מיט די האנדווערקער-צעכען און האנדעלס - אינדוסטרי קאמערן; עס איז נישט ערלויבט אומזיסט צו בע-שעפטיגען יוגענדליכע; עס איז אויך נישט ערלויבט צו נעהמען בעצאהלט פאר אויסלערנען א מלאכה, יוגענדליכע.

צום געפלאנטען מלוכה-אטענטאט פון די היטלעריסטען

דאס הויז פון די היטלעראָווצעס אין דארמשטאט (העסען) אין ווינקעל — אבערפראקוראר ווערנער, וועלכער פיהרט די אויספארשונג וועגן אטענטאט.

צי זענען יודען אין רומעניען „פרעמדע״

אדער זיי וואוינען שוין דארט העכער 700 יאהר

ט ש ע ר נ א ו ו י ץ (יט״א) יט״א האט שוין מיט-געטיילט, אז דעם יונגען יודישען פארשער פראפ. ארטור פרייס איז געלונגען צו ענטדעקען מאטער-יאלען, וואס בעווייזען, אז יודען האבען בעוואוינט דאס איצטיגע רומעניען מיט אנ'ערך 700 יאהר צוריק, אין דער עפאכע פון די ערשטע רומענישע פירשטענטימער. די דאזיגע מאטעריאלען האבען א גרויסע בעדייטונג פאר דער געשיכטע פון יודען אין רומעניען.

די רומענישע אנטיסעמיטען, — אייגענטליך פונקט אזוי ווי אנטיסעמיטען אין אנדערע לענדער, טרעטען אפט ארויס מיט דער טענה, אז יודען זענען אין רומעניען „פרעמדע״. דער היינטיגער פרעמיער פראפ. יארגא האט נאך אין יאהר 1913 פערעפענטליכט אנ'אפהאנדלונג, אין וועלכער ער האט זיך בעמיהט בעווייזען, או סה״כ וואוינען יודען גארנישט לאנג אין רומעניען, מחמת זיי האבען אהין אנגעהויבען איינוואנדערען ערשט זייט 1600. בעת די פאגראמען אין גרויס-ווארדיין האט דער רומענישער גענעראל אין וויען געפרובט פערטיידיגען די פאגראם-העלדען דערמיט, וואס יודען זענען אין רומעניען „פרעמדע״, מחמת זיי וואוינען דא ערשט זייט'ן 1600-טען יאהר.

פון יודישער זייט האט מען דער דאזיגער „וויסענשאפטליכער״ בערעכטיגונג פון פאגראמען געגענגעשטעלט נישט בלויז דעם ארגומענט, אז פאגראמען זענען נאך אלץ נישט בערעכטיגט, אפילו געגען א בעפעלקערונגס-טייל מיט א בלויז 300 יעהריגער געשיכטע אין דעם לאנד. נאר מען האט אפגעפרעגט די עצם „היסטארישקייט״ פון אט דער טענה, אז יודען וואוינען אין רומעניען ערשט זייט דעם אנהויב פון 17-טען יאהרהונדערט.

דער היסטאריקער ד״ר מ. האלעווי האט פערעפענטליכט וויסענשאפטליך בעארבייטע מאטער-יאלען, וואס בעווייזען, אז אין בוקארעשט און יאסי זענען געווען יודישע קהלות נאך אין 14-טען און 13-טען יאהרהונדערט, ד. ה. אז אין די דאזיגע שטעט וואוינען יודען שוין מעהר ווי 700 יאהר.

איצט האט דער יונגער טשערנאוויצער פא-שער פראפ. ארטור פרייס ענטדעקט א דאקומענט וואס בעווייזט, או יודען האבען געוואוינט אין א גרעסערער צאהל אין רומעניען נאך פאר דער גרינ-דונג פון די רומענישע פירשטענטימער. דער דא-קומענט שטעלט מיט זיך פאר א פייערליכע ער-קלערונג פון קעניג בעלא דעם פירטען פון יאהר 1234 און בעציהט זיך אויף דער פערשטארקונג פון קאטאליציזם אין דעם אמאליגען מילקאוו, איצט קרייז בוזעו. פון דער ערקלערונג איז צו זעהען, אז דער אונגארישער קעניג בעלא דער פירטער איז אויפגעפאדערט געווארען דורכ'ן פויפסט צו פערשטארקען אין מילקאוו דעם קאטוילישען גלוי-בען און קעמפען געגען די דארט צאהלרייך וואוי-נענדע יודען.

איטאליענישער אויסערן-מיניסטער גראנדי אין אמעריקא

בײם קבר פון אונבעקאנטען זעלנער אין ווירדזשיניא.

לאדז
30 נאוועמבער 1931

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז
30 נאוועמבער 1931

פארזיכטיג מיט פייער

אין אן'ארטיקעל וועגן די לעצטע בעשלוסען פון ענדעקישען הויפט-ראט מכוח דער פאליטיק פון דער ענדעציע לגבי די יודען שרייבט ד"ר י. טהאן אין „ב.דז.":

די ענדעציע קינדיגט אן קריג דריי מיליאן פוילישע בירגער און דאס דערפאר, ווייל זיי זענען פון אן'אנדער רעליגיע און פון אן'אנדער נאציאנאליטעט און דאס איז אין פוילען ווידערשפרוך מיט דעם וואס עס איז בעשטימט דורך דער פוילישער קאנסטיטוציע און דורכ'ן מינדערהייטען-טראקטאט, וועלכער איז פון פוילען אונטערגעשריבען געווארען. ס'איז בעוואוסט: די גאנצע פוילישע דיפלאמאטישע קונסט שטרענגט זיך אן און וועט זיך אין די ווייטערדיגע יאהרען אנשטרענגען כדי דער ווערסאילער טראקטאט זאל בלייבען אונבערירט.

אין אט דער פעסטונג פון דער פוילישער סוּבערעניטעט און פון די פוילישע גרעניצען שלאגען די שווערסטע דייטשע הארמאטען און זיי אקאמפאנירען די נישט-ווייניגער שווערע הארמאטען פון אנדערע מלוכות, וועלכע ווילען זיך אויפ'ן חשבון פון פוילען, איינקויפען וועלכען ס'איז שלום. דער פוילישער טענות איז: דער ווערסאילער טראקטאט קאן נישט געענדערט ווערען און אפילו נישט קוועסטיאנירט ווערען. דאס איז א פונדאמענט און ווער עס ריהרט אן דעם פונדאמענט, דער שאפט א סכנה פאר דער גאנצער געביידע.

דאס גלייכגעוויכט אין איראפא נאכ'ן קריג, באזירט זיך אויפ'ן דאזיגען פונדאמענט — און דעריבער רופען מיר: פארזיכטיג מיט פייער! און אט די שטימע אונזערע האט דאך עפעס א ווערט. די „פריינד" דערוועגען זיך דאך נישט אונז צו פערקויפען און די שונאים האבען נישט די דרייסטקייט אונז צו אטאקירען. און אויף אזא אופן האלט זיך אלצדינג. ווי זשע אבער וועט זיין, אויב מיר וועלען אליין פון אינעווייניג אונטערגראבען דעם פונדאמענט? די בעשטימונגען וועגען דער גלייכבערעכטיגונג פון אלע נאציאנאלע מינדערהייטען האבען דאך דייער יסוד אין ווערסאילער טראקטאט. ווי אזוי זשע קאנען מיר — מיר אליין — דעם טראקטאט אונטערגראבען? צי טרעפט דאס נישט אין דער גאנצקייט און אין דער זיכערקייט פון דער רעפובליק?

דער הויפט-ראט פון דער ענדעציע קינדיגט אן די יודען באיקאט און בעגרענצונג פון די רעכט כמעט אין אלע געביטען פון געזעלשאפטליכען לעבען. אין דער ערשטער רייה — אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביט. מיר וועלען דא נישט זוכען נישט קיין צוועקמעסיגקייט, נישט קיין מעגליכקייט פון א אזא מין בירגער-קריג. ס'האט נאך קיינער, ביז איצט נישט געפונדען קיין מיטעל פון אפסעפארירען א טייל פון א געזעלשאפט, וואס איז פערבונדען אויף איין טעריטאריע, אז איין טייל זאל קאנען עקזיסטירען אהן דעם צווייטען, די באשור גופא איז נאך מעהר, די סאציאלאגישע געזעצען האבען געשאפען אזוי פיל אופנים פון געגענזייטיגער ווירקונג, אז דאס ליידען פון איין טייל רופט ארויס אונבעדינגט און מיט דער פרעציזקייט פון א באשור-געזעץ די ליידען פון אלע איבעריגע טיילען, בלויז א פאליטישער פיליסטער קאן דענקען וועגען אזא צוהאקען די בעזונדערע טיילען, אז יעדער טייל זאל קאנען לעבען, מיט זיין בעזונדערען לעבען. אזעלכע ביי-וויליגע פרובען זענען שוין נישט איין מאל געמאכט געווארען, אבער זיי האבען זיך נישט איינגעגעבען, און האבען זיך נישט געקענט איינגעבען. יעטווערער וואהרשיינליכקייטס-רעכט הייסט אננעהמען אז אויך דאסמאל וועלען די ענדעקישע ווארערס בלייבען ביי זייער — ביי'זען ווילען, און אויף צו פרעגען די איינערנע געזעלשאפטליכע געזעצען וועט זיי נישט סטייען קיין כוחות, אלע באיקאטען, טיילווייז אלס גלייכגילטיגע, טיילווייז אלס נישט אויספיהרבארע, לאזען מיר איבער פאר די ענדעקעס. זאלען זיי זיך גערעכטפערטיגען פאר זייער געוויסען, אויב עפעס אזעלכעס האט צו זיי פערבלאנדזשעט, אז אין דער ערשטער רייה האבען זיי געשיקט אויפ'ן ערשטען פייער די אונערפאהרענע יוגענד, און ריכטענדיג איהר גרויסע שאדענס, נישט אזוי ווייט פיזישע, ווי מאראלישע.

יעדער אקט פון געוואלט און אונגעזעצליכקייט לאזט איבער אין דער נשמה פון דעם, וואס בעגעהט דעם אקט, אן'ערגערע וואונד איידער אין דער נשמה פון דעם, וואס ליידט. דאס איז איינס. און צווייטענס איז א פראגע צי קאן מען גערעכטפערטיגען פאר'ן געוויסען די פערשארפונג פון קאמף און דאס ארויסרופען א פארמעלען בירגער-קריג אין א מאמענט פון שווערען ווירטשאפטליכען קריזיס, וואס קאן אונז אלע אוועקלעגען. זאלען זשע די מחברים פון יענעם דאקומענט פון טפשות עם הארצות, ביזען ווילען און אפשר אונמעכטיגען וואוט, אליין זיך אן עצה געבען מיט זייער געוויסען, נאטירליך אנגעהן מיר נישט צו דער אינסטאנץ וואס מיר האבען נישט קיין גלויבען אין איהר עקזיסטענץ.

אן'אנדער פראגע איז דער ענין פון נומערוס קלויזוס, דא זאגען מיר אן דעם שארפען זעלבסטשוץ, ווער עס וויל אונטערהאקען אונזער נאטירליכען דראנג צו וויסען, דער טרעפט אין אונזער נשמה און שטרעבט צו אונזער פולשטענדיגען אונטערגאנג. צו דעם וועלען מיר נישט דערלאזען.

מיר האבען שוין נישט איינמאל אנגעוויזען ווי דער פערשטארבענער גלח לוטאסלאווסקי האט געפיהרט א קאמפאניע פאר איינפיהרען אויפ'ן געזעצליכען וועג דעם נומערוס קלויזוס, און ער איז שוין באלד געווען ביים ציל, ווי ס'האט זיך דערהערט די מעכטיגע שטים פון ריימאנד פואנקארע, וועלכער האט געווארענט געגען ברעכען די אינטערנאציאנאלע טראקטאטען. דער דעמאלסדיגער בילדונגס-מיניסטער סטאניסלאוו גראבסקי האט געהאט דערפון זעהר אונאנגענעהמע מינוטען. אזא עפענטליכע ווארענונג איז נישט קיין ליבע זאך. מיר שטעלען פעסט: נומערוס קלויזוס איז אין ערגעץ נישט געווארען קיין מלוכה-געזעץ, ווייל דאס איז געגען רעכט, ווייל דאס איז אן'אינטערנאציאנאל פערברעכען. עפעס וועגען דעם ווייס מען אין אונגארן, למשל.

ביין, דאס טרעפט אונז נישט אפ, ווייל דאס איז אונמעגליך. נישט דערלאזבאר, ווי ס'איז אונדערלאזבאר די איינפיהרונג פון אזא אינסטיטוציע א שטייגער, ווי די אינקוויזיציע, נישט אלצדינג קאן מען טון, צו וואס מ'האט א קרענקליכען ווילען.

אבער ביי בייזע כוונות איז גענוג דער אויסדרוק, פון שלעכטען ווילען, די ענדעציע האט זיך ווידער בעוויזען פאר פוילען און פאר דער וועלט איקא יהר גאנצען אמת, נישט גאר בלאנקענדיגער ריסטונג. דערקענען זי ווידער אזוי, ווי מיר האבען זי געקענט: איהר שלעכטסקייט און פערניכטונגס-גייסט. איז צוזאמען גענומען: אן'אומגליק פאר פוילען.

אמת'ער בירגער-קריג אין דייטשלאנד
עס געהט נישט פאריבער קיין טאג אהן בלוטיגע צוזאמענשטויסען

(קארעספאנדענץ פון בערלין)

איבער גאנץ דייטשלאנד פיהרט זיך טעגליך א בלוטיגע מלחמה איבער די גאסען. די היטלעראווצעס האבען געמאלדען אין זייער צייטונג, אז ביז איצט, פון אנהויב פון זייער בעוועגונג, זענען געפאלען, אלס קרבנות פון בירגערקריג 200 מיטגלידער פון זייער פארטיי.

די קאמוניסטען האבען דערווייל קיין סטאטיסטיק נישט פערעפענטליכט, נאר פון זייערע רייהען זענען געפאלען נישט קיין סך ווייניגער. דערצו דארף מען צוגעבען איינציגע טראגישע קרבנות פון דער פרידליכער ארגאניזאציע פון דער רעפובליקאנישער פאהן, נישט ווייניג אומגעקומענע פאליציאנטען און הונדערטער פערוואונדעטע, וועלכע מען נעהמט אין דער צאהל נישט אריין, ווען מען רעדט וועגען די קרבנות פון גאסען-קריג — און עס בעקומט זיך א בילד פון א פולען בירגער-קריג, וועלכער איז ארויסגעטראגען געווארען אויף די גאסען. אויף די מארק-פלעצער, אויף די דארפישע וועגען און אויף די דארפישע פייערונגען.

עס האט זיך אין האמבורג נאר וואס פארענדיגט דער פראצעס געגען דריי נאציאנאל-סאציאליסטען, וועלכע האבען מיט רעוואלווער-שאסען דערהרגעט א דורכזאהרענדיגען אין אן'אויטא קאמוניסטישען טוער. זיי זענען געווען שכור, די דריי העלדען, און די עקספערטיזע איז געווען גרייט צו אנערקענען, אז זיי האבען געהאנדעלט אין א צושטאנד פון אפעקט אבער די רעוואלווערע האבען זיי מיטגענומען מיט זיך, ווען זיי זענען ארויס פון דער היים. דאס זעלבע אויך די קאמוניסטען זענען גרייט אנצונעהמען א שלאכט אויף דער גאס.

אמת איז, אז די היטלעראווצעס האבען ליבער אזעלכע העלדענטאטען, ווי, א שטייגער, פאלגענדער: א היטלער-פארל האט זיך אוועקגעשטעלט ביים טויער פון א שול-בנין, וואו עס האבען געאיבט איינציגע קינדער פון א יודישען ספארט-קלוב. די עלטערע קינדער און שטארקערע יונגלעך האט דאס היטלער-פארל דורכגעלאזט רוהיג, ווען עס איז אבער ארויס אמאל א קליין יונגעלע אליין האבען די היטלער העלדען זיך געווארפען אויף איהם און איהם בעוויזען די מאכט פון זייער אידעאישער בעוועגונג מיט א פאר העפטיגע קלעפ. עס האט זיי אבער דאס מאל נישט געגליקט: פלוצים האט זיך בעוויזען דער לעהרער פון באקס פון דעמזעלבען קלוב. ער האט זיי באלד דעמאנסטרירט א פאר שמעלינג-פארטלען און ביידע העלדען האבען זיך שנעל אפגעטראגען פונ'ם שלאכט-פעלד.

איבער גאנץ בערלין איז פערשפרייט א נעץ מיט נאציאנאל-סאציאליסטישע שענקען פאר'ן אריינגאנג האבען עטליכע פון זיי ארויסגעהאנגען גרויסע פאהנען מיט שווארצע האקענקרייצען אויף א ווייסען פאן. ערשט נישט לאנג האט מען עטליכע פון די שענקען געשלאסען און פון די איבריגע אראפגענומען די פאהנען, וועלכע האבען ביי דער ברידליכער בעפעלקערונג ארויסגערופען דאס געפיהל פון אנ'ארויספאדערונג געגען זייערע גוטע רעפובליקאנישע געפיהלען. לעבען איינעגע פון די דאזיגע שענקען שפאצירען שטענדיג פאליציאנטען.

דאס זענען די אונרוהיגסטע „ביער:האלעס" אין בערלין. זיי ליגען אין די זייטיגע געסלעך און דער נאהענט פון די בעזוכער צוטראגט זיך איבער די שטיל געסלעך פון דער הויפטשטאט ביז שפעט ביינאכט. עס איז עפעס אונהיימלעך אדורכצוגעהן אונטער די בליקען פון די יונגעלייטלעך, אין שמאלע פאלטענס איינגעטוליגען אין דער אליע, אין קעפי-הימעלעך. און געוויס אין דער פארטיי פארם אונטער'ן פאלטען, פון אויווען ווייזען זיי די פארם נישט ארויס: מען קען פאר איהר אריינפאלען אין פאל צייט-קאמיסאריאט.

אויפ'ן פראצעס פונ'ם דייטשען נאציאנאלסאציאליסט „גענעראל" גראף העלדארף, וועלכער איז, ווי בעוואוסט, פעראורטיילט געווארען פאר די אונרוהען אויף קורפירסטענדאם, האט זיך ארויסגעוויזען, אז עס עקזיסטירט א מוסטערהאפטע קאמפס-ארגאניזאציע, איינגעארדענט, לויט'ן מיליטערישען שטייגער. מיט א זעלבערישער דיסציפלין און קאשארען-טערמינאלאגיע. און די נאציאנאלע פרעסע מאכט אנ'אנשטעל, אז דאס אלץ איז אין דער ווירקליכקייט נישט פארהאן, און אז פארהאן איז נאר א קאמוניסטישער געפאהר.

אין דעם זעלבען טאג, ווען עס האט זיך אין בערלין אנגעהויבען דער פראצעס פון 55 נאציאנאל-סאציאליסטען, וועלכע זענען געווען בעשולדיגט אין בעשיסען א קאמוניסטישע שענק, דערביי זענען ביים שיסעריי שווער פערוואונדעט געווארען עטליכע מענשען, האבען די צייטונגען מיטגעטיילט, אז לעבען האמבורג האבען די קאמוניסטען געשאסען אין די נאציאנאל-סאציאליסטען, אז לעבען כעמניץ האבען די קאמוניסטען געשאסען אין די היטלעראווצעס און איינעם פון זיי דערהרגעט, אז אין ליבעק האבען די ארבייטסלאזע, אונטער דער אנפיהרונג פון דיזעלבע קאמוניסטען, אנגעפאלען אויף א פאליציאנט, וועלכער האט געמוזט בענוצען געוועהר.

אלזא, אין איין טאג: א פראצעס פון היטלעראווצעס, וועלכע האבען געשאסען אין האמבורג, א פראצעס פון היטלעראווצעס, וועלכע האבען געשאסען אין בערלין, און דריי בלוטיגע צוזאמענשטויסען, אין וועלכע עס האבען בעוויזען אקטיוויטעט די קאמוניסטען.

און אין ביידע לאגערן פיהרט זיך אזא פראפאגאנדע פון שנאה און האס. אז בלוט-פערגיסונג איז געווארען אונפערמיידליך.

נאר וואס האט דער ארגאן פון היטלער'ן געשריבען, אז די קאמפארטיי און סאציאל-דעמאקראטיע זענען געווארען די צענטערן פון דער „טויט-פראפאגאנדע" פון דייטשען פאלק. יעדער בעוואוסטזיניגער מענש ווייסט, אז די סאציאל-דעמאקראטיע אין דייטשלאנד איז א געגנערין פון בלוטיגע עקסצעסען, און נישט פון איהרע רייהען געהען ארויס די מענשען, וועלכע פערוואנדלען דאס לאנד אין א בלוטיג פעלד פון בירגער-קריג.

און פאר דער רעגירונג שטעהט די דילעמע: אדער אנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען ביז צום שליסען די פארטייען, וועלכע פערגיסען פון טאג צו טאג בלוט, אדער בעגנוגענען זיך מיט פאליציי-ערלאזען, אדער ערלאזען פון געריכטליכע שטראפען. אויף דעם ערשטען שריט איז די רעגירונג איצט פסיכאלאגיש נישט פעהיג.

בלייבט דער צווייטער וועג — אין דאס לאנד געהט אויף דעם וועג, וואו אויף יעדען שריט בלייבען בלוטיגע שפורען, וואו דאס לעבען פערלירט א"ך מעהר און מעהר די רוהע און די בעריהמטע דייטשע געמיטליכקייט.

ט. ס.

„סוואי דא סוועגא" לעזט ניט די יודן-פראגע
ענדעציע פאדערט פון יודישע קאלא צו רעדן אויף א דיפלאמאטישער שפראך
(שטימען פון דער פוילישער פרעסע)

דער נעכטיגער „ראבאטניק" האט געווידמעט דעם לייטארטיקעל דער באיקאט-העצע, וועלכע עס האט אויפסניי אויפגעהויבען די ענדעציע. די צייטונג שטעלט קודם כל פעסט, אז די באיקאט-בעוועגונג איז נישט בלויז אן'ענדעקישע בעוועגונג, אז פון איהר זענען נישט פריי אויך מאנכע קרייזען פון דער סאנאציע. ווייטער שרייבט די צייטונג:

„א קינד פערשטעהט, אז דער באיקאט פון יודישען האנדעל לעזט נישט צ'ם מינדעסטען די יודישע פראגע. דאס איז נישט קיין פראגע בלויז פון האנדעל. די יודישע פראבלעם האט זיך היסטאריש ענטוויקעלט פון טויזענדער פערשידענע פאקטארען. עס געהערט צו די אויסערגעוועהנליך קאמפליצירטע פראבלעמען, עס איז פאראן א פראבלעם פון פאלעסטינע און אן אראביש פראבלעם אין פאלעסטינע; עס איז פאראן א ציוניזם, וועלכער איז צייטווייליג געבליבען שטעקען אויף א טויטען פונקט; עס איז פאראן אין פוילען א מאסען-בעוועגונג פון די בונדאווצעס, וועלכע ווילען נישט האבען קיין שום געמיינזאמעס מיט'ן ציוניזם. עס זענען פאראן פינסטערע מאסען חסידים, מאדנע „עמיגראנטען" פון דער מיטעלאלטערליכע עפאכע. דער צום פליכטיגסטען דורכגעפיהרטער פרינציפ פון איצטיגען „סענאטאר" סאדזעווטש (אמאליגער רעדאקטאר פון „דוואגראשע", רעד. „נ. פ.") „סוואי דא סוועגא" ווערט מיט גארנישט ענדערן דעם עצם זאך, וועט העכסטענס אריינווארפען אין תהום פון נאך גרעסערער נויט עטליכע טויזענד קבצנים יודישע געזעלבערבירגער פון דערזעלבער פוילישער רעפובליק. ווייל דער אנטיסעמיטיזם איז אייגענטליך אנ'אומעכטיגער געדאנק, ער איז זעלטען א ציל אליין פאר זיך, ער איז צומייסטענס א מיטעל צום ציל.

די צייטונג ווייזט דא אויף, אז דער לאזונג פון באיקאט איז שטענדיג געווען א מיטעל אפצוּווענדען די געזעלשאפטליכע כוחות פון אייגענטליכען ציל און לענקען זיי אין אנ'אנדער, רעאקציאנערער ריכטונג. די לעזונג פון יודישען פראבלעם וועט, שרייבט דער „ראבאטניק", קומען דורך א געמיינזאמער אנשטרענגונג פון פוילישען און יודישען סאציאליזם.

* * *

די „גאזעטא ווארשאווסקא" רעדט ארום דעם אויפרוף, מיט וועלכען עס האט זיך געווענדעט צו דער יודישער בעפעלקערונג די יודישע סיים קאלא. דאס ענדעקישע בלאט איז אמייסטענס דערביי אויפגערעגט אויף די שארפע בעליידיגענדע ווערטער אויפ'ן אדרעס פון דער ענדעציע, וועלכע זענען אין אויפרוף עטהאלטען.

די ענדעקעס מאכען זיך קאמיש. די אידעאישע פיהרער פון די העלדען, וועלכע האבען נאך נישט אראפגעלאזט די אויפגעהויבענע שטעקענס, ביי וועלכע די פנים'ער האבען זיך נאך נישט אויסגעגלייכט פון די ווילדע פאגראם געשרייען — זיי פאדערן עס „ווערסאלער" לשון, ווען מ'רעדט וועגען זייערע מעשים.

דאס בלאט דערמאנט ביי דער געלעגענהייט דעם אומגעק מ'עם סטודענט וואצלאווסקי. און דער 19-יאהריגער יודישער סטודענט גאלדמאן אין קראקא? ער איז אפשר געשטארבען פון די קלעפ, וועלכע ער האט זיך אליין געגעבען?

פראנצויזישער פרעמיער לאוואל האלט אן עקספאזע אין פארלאמענט.

ספארט-בעוועגונג

יודען אלס וועלט-מייסטער אין באקס-ספארט

עס איז א מערקווירדיגע ערשיינונג, או אויף דעם געביט פון דעם באקס-ספארט האבען זיך אויסגעצייכענט פיל יודען, פון וועלכע א געוויסע צאהל האבען דערצילט דעם טיטעל פון וועלט מייסטער.

שוין אין יאהר 1792 איז דניאל מענדאזא געוועזען מייסטער פון ענגלאנד, און די עפענטליכע מיינונג האט איהם בעצייכענט אלס זשעני, אין דער איידעלער קונסט פון זעלבסטפערטיידיגונג.

דורך א רייהע פון יאהרען האט ער בעזיגט אלע זיינע געגנער. אפילו זיין קוזין, אהרן מענדאזא, וועלכער האט געהערט צו די בעסטע באקסער אין דער וועלט, האט זיך מיט איהם נישט געקענט קיין עצה געבען. אין אנפאנג פון 19-טען יאהרהונדערט, האט איהם בעזיגט שמואל עליאס וועלכער האט געקעמפט אונטער דעם פסעוודאנים ראטש סאם, און וועלכער האט צוליב זיין געוואלדיגער שלאג-קראפט געקריגען דעם נאמען „יודישער פענאמען". כוף פון 19-טען יאהרהונדערט איז אין אמעריקא געוועזען בעזונדערס פאפולער דער יודישער מייסטער פון באקס-קאמף אבע אטעל, וועמענס נאמען מען בענעגענט נאך ביז'ן היינטיגען טאג, צווישען די אמעריקאנער לאנדעס מייסטער און רעקארדמענער.

מיט פאר עטליכע יאהר צוריק איז געוועזען וועלטמייסטער פון האלב-שווערען-געוויכט דער יוד באטלינג לעווינסקי, וועלכער האט דעם טיטעל פערלוירען ביי דעם וועלטבעריהמטען קארפענטיער. אויך איז א יוד דער וועלטמייסטער פון לייכט-געוויכט בעני לעאנארד, (זיין ריכטיגער נאמען איז בנימין ליינערט), וועלכער איז דורך זאכקענער בעצייכענט געווארען אלס דער בעסטער באקסער פון דער וועלט.

צווישען די וועלט בעקאנטע באקסער פיגורירען הארי גריב (וועלכער שרייבט זיין נאמען בערג, אומגעקעהרט), ווי אויך בערנשטיין, קאהען, לעווים. דאוויס, דאניעלס, גרישטאק א. א. וועגען וועמענס יודישע אפשטאמונג איז נישט שווער זיך אנצושטויסען.

אין ענגלאנד, אין מוטערלאנד פון באקס-ספארט, שפילען נאך ביז'ן היינטיגען טאג, די יודישע באקסער די ערשטע פידעל, און נאר צוויי פון די איצטיגע טיטעלהאלטער זענען נישט קיין יודען. דער בעקאנטער באקס-מייסטער טעד קיד לעוויס, ווי אויך די ברידער בלאמפיעלד שטעלען מיט זיך פאר ביים היינטיגען טאג די אלערערשטע קלאס. און דער ערשטער פערדאנקט זאגאר זיין טעכנישע אויסבילדונג דעם לאנדאנער יודישען אטלעטישען פערבאנד (ווי בעוואוסט איז דער דאזיגער פערבאנד אנגעשלאסען אין דעם וועלט-פערבאנד „מכבי").

אין פראנקרייך איז בעקאנט דער יודישער באקסער פראנציז טשארלו, וועמענס בירגערליכער נאמען איז מנשה.

אין דייטשלאנד קען מען געפונען יודישע בעקאנטע באקסער נאר צווישען די אמאטארען ווי צ.ב. די דייטשע מייסטער אין פעדערגעוויכט הארי שטיין און מאלך; שטיין איז איבערגעגאנגען אין דעם לאגער פון די פראפעסיאנאליסטען. אויסער דעם, איז גאך צו פערצייכנען א גאנצע רייהע בעקאנטע באקסער, וועלכע האבען בעקומען זייער אויסבילדונג ביי דעם בערלינער באקס-קלוב „מכבי".

מיר וואלטען געקענט די אויבענדערמאנטע ליסטע נאך פיל פערגרעסערען מיט אויפוואקסענדע שטערען אומעטום אויך אין פוילען.

אויב קראפט, איבונג, געשיקטליכקייט, שנעליגקייט, טעכניק, טאקטיק, גענימקייט, מוט און הארטקייט ביים אריבערטראגען פון שמערצען פערלאנגען זאך מעהר, האבען מיר אין יעדע בעציהונג שוין געזעהען אין דער שפיץ פערטרעטער פון יודענטום. און מיר קענען דרייסט זאגען, אז מיר יודען זענען נישט געבליבען הינטערשטעליג אויף קיין שום געביט פון קערפער-איבונגען.

ע. וועגענער.

די לעצטע ליגע-מעטשען אין לאנד

אין פערלויף פון נעכטיגען טאג זענען פארגעקומען די לעצטע ליגע-מעטשען אין לאנד, ס'האבען זיך געטראפען 8 מאנשאפטען אין 4 מעטשען און פערענדיגט דעם קאלענדאר אויף פאלגענדען אופן:

ווילסא — גארבארניא 2:3
לעגיא — פאזנאן 1:2
טשארני - קראקאוויא 0:2
רוך - ווארשאוויאנקא 1:2

דער קאמף אין נעכטיגען טאג פון ווילסא, לעגיא און פאזנאן איז געפיהרט געווארען וועגען צווייטען ארט אין דער טאבעלע, אויף וועלכען ס'האבען פרעטענדירט די דערמאהנטע 3 מאנשאפטען צוליב דעם, וואס „ווילסא" האט געשלאגען דעם היי-יאהריגען מייסטער „גארבארניא" האט זיך „ווילסא" פעסטגעזעצט אויפ'ן צווייטען ארט פון דער טאבעלע. צוליב'ן זיג פון „לעגיא" האט זי זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן דריטען ארט.

אין אלגעמיין זענען היי-יאהר פארגעקומען 132 מעטשען אין פערלויף פון 8 חדשים. די פערמעסטונגען זענען היי-יאהר געשטאנען אויף א גע-העריגער הויך און די קאמפען זענען געווען פערביסענע. די אלגעמיינע רעזולטאטען פון די פערמעסטונגען, נאך וועלכע „גארבארניא" איז געווארען מייסטער און לעכיא איז צוריק ארויסגעפאלען פון דער ליגע זענען בכלל גערעכטע. א געוויסע איבערראשונג איז אבער געווען דאס וואס אין דער ליגע איז נישט אריין דער אלגעמיינער פאוואריט ליפינער „נאפשוד", נאר דער 22-טער פולק פון שעדלעץ, מיט דער געשיכטע וועט נאך די ליגע האבען גרויסע שוועריגקייטען צוליב רייך טעכנישע סיבות. ס'איז אבער שוין סאראויסגעזעהן, אז די ליגע-מעטשען מיט דעם 22-טען פולק וועלען פארקומען נישט אין שעדלעץ, וואו קיין שום מאנשאפט וועט צוליב פינאנציעלע טעמים נישט געקענט קומען, נאר אין לובלין, וואו די צושויער-פרעקווענץ וועט זיכער זיין א גרעסערע.

נאכ'ן פערענדיגען די פערמעסטונגען זעהט די טאבעלע אויס אויף פאלגענדען אופן: „גארבארניא", „ווילסא", „לעגיא" „פאגאן", „רוך".

ל.ק.ס. ווארטא, קראקאוויא, פאלאניא, טשארני, ווארשאוויאנקא, לעכיא.

אין די סאמע ריכטיגע צייט ווען די אטמאספערישע בעדינגונגען האבען זיך געענדיגט, האבען זיך די פערמעסטינגען פערענדיגט.

ערנסט פיסטולא



דער אייראפעאישער באקס מייסטער אין האלב-שווער-געוויכט איז האנגנסלאו קראנק אויף א געהירע - ענטצינדונג.

ספארט-שפילען

נעכטען איז אין זאל פון דייטשען גימנאזיום פארגעקומען א פיר מעטש צווישען די מאנשאפטען פון ל.ק.ס. און טריומף. דער אלגעמיינער רעזולטאט איז 0:4 פאר ל.ק.ס. די איינציגע רעזולטאטען זענען

נעק-באל פאר פרויען
ל.ק.ס. — טריומף 20:27
נעק-באל פאר מענער
ל.ס.ס. — טריומף 18:30
קארב-באל פאר פרויען
ל.ק.ס. — טריומף 10:24
קארב-באל פאר מענער
ל.ק.ס. — טריומף 26:27

פאר דעם אנהויב פון די אלימפישע קונסט-גליטשען-מייסטערשאפטען

אין עטליכע וואכען ארום הויבען זיך אן אין מאנטרעאל (קאנאדע) די אלימפישע מייסטערשאפטען אין קונסט-גליטשען. די קאסטען פון די אייראפעאישע אנטיילנעהמער האט אויף זיך גענומען דער אמעריקאנער אלימפישער קאמיטעט.

לינקס: גיליס גראפשטרעם דער פריהערדיגער פילפאכער וועלט-מייסטער; אויבען אינדערמיט דאס קינסטלער-פאר ברונעט (פראנקרייך); אונטען אינדערמיט: ערנסט בייער (דייטשלאנד); רעכטס אויבען: סאניא העני (נארוועגען) און הילדע האלאווסקי (עסטרייך); רעכטס אונטען: קארל שעפער (עסטרייך).

די אלע דערמאהנטע אייראפעער נעהמען אנטייל אין די אלימפישע מייסטערשאפטען.

„ווימא" אוואנסירט אין „א" קלאס

אין לאדז איז נעכטען פארגעקומען דער מעטש פון „ווימא" אין דער רעזערוו פון ל.ט.ס.ג. וועגען דער מייסטערשאפט פון „בע"-קלאס, די מאנשאפטען האבען דערגרייכט א רעמי-רעזולטאט 1:1 די קאמפען אין „בע"-קלאס זענען פערענדיגט אין „ווימא" האט פולשטענדיג פערדינט דעם אוואנס אין „א" קלאס.

באקס

כדי פעסטצושטעלען די לאדזער באקס-רעפרעזענטאנץ אויפ'ן מעטש מיט דער רעפרעזענטאנץ פון בערלין, וואס וועט פארקומען אין לאדז, האט דער באקסער קרייז-פערבאנד שבת און זונטאג איינגעארדענט גרויסע עלימינאציע-קאמפען צווישען די באקסער פון די לאדזער קלובען. די קאמפען זענען געשטאנען אויף א הויכער מדרגה.

אין אלגעמיין האבען געזיגט די לאדזער פאווארים. א זעהר אנגענעהמע איבערראשונג האבען געמאכט די צוויי יודישע באקסער פון בר-כוכבא ווידאווינסקי און ביאליסטאק, וועלכע האבען אנטיילגענומען אין די קאמפען. ביאליסטאק האט רעמיזירט אין דער פעדער-געוויכט מיט מארטשעווסקי'ן און ווידאווינסקי אין דער לייכטער געוויכט מיט פיעטרוסקי'ן.

אייזשען מילבערגער

האט אויפ'ן ספארט-פרעסע-פעסט אין פראנקפורט פעסטגעשטעלט א נייעם וועלט רעקארד אין געוויכט היבען.

לייכט-אטלעטיק

דער לאדזשא „אשראדעק" פאר פיזישער ערציהונג האט נעכטען איינגעארדענט א 10-קילאמעטער-מארש פאר דער פאליציי אויף דער מלוכה שער אפצייכנונג. דער שטח איז געגאנגען פון מאניע קיין אלעקסאנדער. אין מארש האבען אנטיילגענומען 36 מאן, פון וועלכע 35 האבען פערענדיגט דעם מארש. דער ערשטער איז געקומען דער פאליציאנט בערלאווסקי אין 1 שעה מיט 1 מינוט, דער צווייטער דער פשראוויק וואלני.

שווימען

אין זגערזש זענען נעכטען פארגעקומען אין שווי-באסיין פערמעסטונגען פון די בעסטע שווימער אין לאדז און זגערזש. ס'האבען זיך אויסגעצייכענט: מאיכשאק (ל.ק.ס.), רידעל (וש.ק.ס.), בראון (דייטשער גימנאזיע), שווארצשולץ (וש ק.ס.) און פאטעלשובנא.

ספארט-כראניק

די קימענדיגע וואך קומט פאר אין לאדז דער אינטערנאציאנאלער באקס מעטש צווישען דער רעפרעזענטאנץ פון לאדז מיט דער רעפרעזענטאנץ פון בערלין. דער דאזיגער מעטש האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג אין די היגע ספארט-קרייזען.

* * *

אויפ'ן פלאץ פון ל.ק.ס. האט זיך שוין געעפענט דער האקעי-פלאץ און דער גליטש-פלאץ. דער פלאץ איז צוגענגליך פאר אלע פאר א קליינעם אפצאהל.

* * *

דער לאדזער קרייז-פערבאנד פון ספארט-שפילען ארדענט איין א גרויסען טורניר פון קארב-באל און נעק-באל וועגען א בעכער פון פערבאנד. דער טורניר הויבט זיך אן זונטאג, דעם 6 דעצעמבער אין זאל פון „אשראדעק" אויף טארגאווא 24.

* * *

די פערוואלטונג פון „בר-כוכבא" האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן: פרעזעס: סטאניסלאוו ר. בינשטיין; ערשטער וויצע-פרעזעס — לעאן שטיין; צווייטער וויצע-פרעזעס ד"ר זילבערשטראם; סעקרעטארען ל. שיין און אינזש. ראזענטאל; קאסירער ו. גאמאלינסקי און י. שטיין פינאנץ-קאמיסיע בערנשטיין און שאפלאוויטש ספארט-רעפערענט א. טענאל; קילטור-רעפערענט - ד"ר זילבערשטראם; פרעסע-רעפערענט — ל. שיין; יוירס - ק. כאסילעוו.

איינער וועלכער איז דאס נישט געוועזן

(דערצעהלונג)

פון דוד פינסקי.

(המשך).

איהם האָט ווילבושעוויטש געקענט און ער האָט אַזוי געענטפערט.

„אַהאַ, קענסט איהם, דו שורקע? זאָג מיר, ווי אָפט קומט ער אין רעדאַקציע?"

מיט בעשטימטהייט האָט עס ווילבושעוויטש נישט געקאָנט זאָגען, און דער אָפיציר האָט ווידער אַ קלאַפּ געטוהן אין טיש. אָבער איינער פון די צוויי העררן, אַן עלטערער מאַן מיט אַ גרויסער גרויער באָרד, האָט איהם בערוהיגט.

„מען זעהט, אַז ער זאָגט דעם אמת. איהר דאַרפט אייך נישט אַזוי וואַרפען אויף איהם. ער וועט אייך זיכער זאָגען, וואָס ער ווייס, אָבער וואָס ער ווייס איז בכלל נישט וויכטיג, נו אַז ער קען שוין מיראַטאַוון? און אַז ער קען שוין לאַריבען? איהר קענט דאָך לאַריבען?"

„יאָ".

„איז וואָס איז דערפון, אַז ער קען איהם שוין? און איהר קענט דאָך געוויס זאַראַוון?"

„יאָ".

„גאָר נישט מיט גאָרנישט. ער איז דער קאָררעקטאָר דאָרטען, און ער קען מיטאַרבייטער, וועלכע קומען אַריין. ער מעג זיי אַלעמען קענען, אַלס קאָררעקטאָר. דאָס געהערט זיך צו זיין אַרבייט. ער מעג זיי אַמאָל זעהען אַפילו אַלעמען צונויפגעקליבען, זיי קלויבען זיך דאָך אַמאָל צונויף צוזאַמען. ווי? איך מיין, מיטאַרבייטער און פריינד פון צייטונג? אַזוי מעשה־מיטינג? האָט איהר ווען אַנטייל גענומען אין אַזאַ מיטינג? נו, יאָ, נאַטירליך פאַרוואָס נישט — דאָך דער קאָררעקטאָר — איהר האָט דאָך אַנטייל גענומען? אויך אַנדערע אַרבייטער פון דער דרוקעריי? די זעצער, צום ביישפיל? אַנטייל גענומען?

ווילבושעוויטש האָט זיך נישט געפונען צו זאָגען ביין, אָבער ער האָט אויך נישט געזאָגט יאָ, ער איז געווען אין אַ פערלעגענהייט. אָבער די האָבען זיין פערלעגענהייט ריכטיג אויסגעטייטשט: דער עלטערער העור מיט דער גרויער באָרד האָט פאָרטגעזעצט, אַזוי ווייך און זיס, אַזוי זיך אַריינגעבענדיג:

„נאַטירלעך אַנטייל גענומען... ער איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון חלשן. איהם איז שווער אַ וואָרט צו רעדען, אָרימינקער?... האָבען אויך פרעמדע אַנטייל גענומען? גאַנץ פרעמדע מענשען, מענשען נישט פון דער רעדאַקציע און נישט פון דער דרוקעריי? אַנטייל גענומען?"

ווילבושעוויטש איז רויט געוואָרען, און דער העור מיט דער גרויער באָרד האָט גוטמוטיג געשמייכעלט:

איך האָב געזאָגט, מען דאַרף נישט שרייען. ער וועט אַלץ אַליין זאָגען. איך וואָלט געזאָגט, אַז מען זאָל איהם צורוהע לאָזען. זאָל ער זיך אויסשלאָפען, צו כוח קומען. ווי ער זעהט אויס! אָרימינקער! חלשט איהר אָפט? דאָס איז אַ ווייבערישע זאַך. פאַסט נישט פאַר יונגען מענשען. מיינט איהר נישט, אַז ער קען שוין גיין? מעהר קען ער אונז שוין גאָר נישט זאָגען. איבריגענס, ווען איז געוועזן אייער לעצטער מיטינג אין דער רעדאַקציע? עס מאַכט נישט אויס, וואָס דאָרטען איז גערעדט געוואָרען, אָבער ווען איז מען זיך צונויפגעקומען? די וואָך? — פאָריגע וואָך? — פאַר צוויי וואָכען? — דאָס גאָר וועט איהר ענטפערען. און איהר קאָנט אייך גיין. דער לעצטער מיטינג בלויז — ווען?"

ווילבושעוויטש האָט געפיהלט אַז ער וועט דאַכט זיך באַלד ווידער פאַלען אין חלשות, אויך זיי רעדען פון אַפּלאָזען איהם, אין ער פיהלט, אַז דער אַלטער מיינט עס ווירקליך, און ער קען נישט בעגרייפען. צי זאָל ער בעענטפערען די פראַגע אָדער נישט. פאַר צוויי וואָכען איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ מיטינג פון מיטגלידער פון דער רעדאַקציע מיט עטליכע אַרבייטער פון דרוקעריי, דאָך ווען מען זאָל איהם אַפילו שניידען דאָס פלייש, קען ער זיך יעצט נישט דערמאָנען, ווען וואָס האָט מען דאָרטען גערעדט. אָבער דאָס ווילען זיי גאָר נישט וויסען.

דער דריטער העור האָט זיך אַריינגעמישט:

„אָך, לאָזט איהם גיין".

אָבער דער אַלטער האָט דערוויידערט:

„גאָר, ווען? און דאָס איז אַלץ".

ווילבושעוויטש האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

„פאַר צוויי וואָכען".

„דאָס הייסט? וואָס האָבען מיר היינט? דינסטאָג? אַלזאָ: פאַר צוויי וואָכען דינסטאָג?

„ניין, דאָנערשטאָג".

„אַהאַ! נו, יאָ, דאָס איז אַלץ. ער קען דאָך יעצט גיין, ווי?"

דער אָפיציר האָט זיך אויסגעזידעלט:

„פון מיינטוועגען, כאָטש צום טייוועל! איך וואָלט אַזאַ פערפאַקט אויף אייביג".

דער דריטער העור האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט, בערוהיגענדיג דעם אָפיציר:

נו, נו, נישט געבייזערט זיך, מיר קאָנען באַלד אין העור ווילבושעוויטשעס האַפּען אַגוטען מיטאַרבייטער און העלפער, דעם אַנהויב האָט ער שוין געמאַכט".

ווילבושעוויטשען האָט אַ זעץ געטון דאָס בלוט אין געזיכט, און באַך מעהר איז איהם געוואָרען קאַלט און וואַרים, ווען דער אַלטער האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט זיין גוטמוטיגען שמייכעל:

„און ווירקליך, פאַר וואָס טאַקע נישט? עס מאַכט נישט אויס... אַ גוטער געזעלשאַפט, האַ־האַ־האַ... עס קען איהם אָנשטיין... און אויכערדעם, צי איהר ווילט אָדער ווילט נישט, עס וועט אייך גאַנץ העלפען, איהר פערשטעהט דאָך, אַז איהר האָט שוין גערעדט"... — ער האָט בעטאָנט דאָס לעצטע וואָרט און שאַרף זיך איינגעקוקט אין ווילבושעוויטשען — „מיר ווייסען שוין, אַז דאָנערשטאָג פאַר צוויי וואָכען איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ מיטינג אין דער רעדאַקציע. איהר האָט דאָרטען געמעגט רעדען וועגען פעראייניגען דאָס אויסלייגעניש, מיר ווייסען אָבער, אַז איהר האָט אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג — פערשטאַנען? געוועזען פערזאַמעלט — דאָס איז פאַר אונז דער עיקר, און איהר האָט עס אונז אַרויסגעגעבען" — ער האָט ווידער בעטאָנט דאָס לעצטע וואָרט פערשאַרפענדיג עס מיט זיין איינדרינגענדיגען קוק — „און אַז איהר האָט אָנגעהויבען, טאַ געהט שוין ווייטער, היינט האָט איהר גערעדט אומזיסט, פון מאָרגען אָן וועט איהר קריגען געהאַלט. נישט קיין סך, די רעגירונג איז אָרים, רוסלאַנד איז נישט אַמעריקע, און דאָרטען וואַרפט מען זיך אויך נישט מיט קיין געלד, דער פרעזידענט אַליין קריגט הונגער געהאַלט, האַ־האַ־האַ... און וואָס זאָגט איהר?

ווילבושעוויטש האָט געשוויגען, בלייך, מיד, קראַפטלאָז, געדאַנקענלאָז.

„אַז איהר שווייגט איז שלעכט". האָט דער אַלטער געזאָגט: „וואָרום איך וועל וועלען האָבען אַן ענטפער, און פערשטעהסט איך בין אַן אויסגעשלאָפענער, און איך האָב נישט געחלשט. איך קען מיט דיר אָפּזיצען די גאַנצע נאַכט. דו וועסט מיר מוזען געבען אַן ענטפער, ווארום דיין ניין וועל איך נישט אָננעמען. פערשטאַנען? און וואָס זאָגסטו צו מיין פאָרשלאָג?"

ווילבושעוויטש האָט קוים אַרויסגעפּליסטערט:

„איך וועל מיר איבערלייגען".

דער אָפיציר האָט אויפגעהויבען זיין פויסט אַ קלאַפּ צו טון אין טיש, אָבער דער אַלטער האָט איהם אָפּגעהאַלטען:

„דאָס איז גוט, זאָל ער זיך טאַקע איבערלייגען, פאַרוואָס טאַקע נישט? זאָל ער נישט זאָגען, אַז מיר האָבען איהם געצוואונגען מיט געוואַלד, ער דאַרף אָבער וויסען, אַז ער האָט נישט קיין צוריק, ער האָט שוין גערעדט. און זאָל ער זאָגען צוואַנציג מאָל ניין, ער איז שוין אונזערער. איך גלויב, אַז ער קאָן שוין גיין, — קאָנסט געהן אַהיים. האָסטו געלד ביי זיך? ביזטו האַלב אָנגעטון, וועסטו מוזען נעהמען אַ טאַקסי, נישקשה, אויף אונזער חשבון, געהאַלט פינף און צוואַנציג רובעל אַ חודש, נישט קיין סך. איך האָב עס שוין געזאָגט, אָבער צוזאַמען מיט דיין קאָררעקטאָר־געהאַלט וועסטו לעבען רחבה'דיג, נו, קאָנסט דיר געהן. אַדיע! דיין אַדרעס האָבען מיר. איבערלייג זיך נישט לאַנג, זיי אַ מענש, פערשטעהסט? מיט אונז וועט דיר פריילעכער זיין, נו, געה און שלאָף דיך אויס!"

ווילבושעוויטש האָט זיי פערלאָזען ווי אַ נאַכט וואַנדלער, ער האָט אַפילו דעם פראָסט נישט געפיהלט, און נישט געוואוסט, ווי און ווען ער איז אַהיים געקומען, ער איז געלאָפען? איז ער געגאַנגען פאַמעליך? ער איז געווען אויסגעפיהלט פון דעם איין געדאַנק: ער האָט גערעדט! און ער האָט פערשפּראָכען איבערצולייגען זיך, צי ער וויל ווערען אַ פּראָוואָקאַטאָר!

ער האָט געציטערט אין אַלע גלידער. ווי אַזוי איז עס אַלץ געשעהען? ער האָט געוואָלט טראַכטען אויף צוריק און בעגרייפען ווי אַזוי איז עס געשעהן, ער האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק, ווי ער וואָלט דערוואַרט צו דערזעהען פאַר זיך די ערקלערונג. ער האָט קיין זאַך נישט געזעהן פאַר זיך, באַר נעכט די דערקלערונג. מיט דעם בליק איז ער אַריין צו זיך אין צימער, לאַנגזאַם אויסגעטון זיך, אַריינגעלייגט זיך אין בעט, אויפ'ן רוקען, געקוקט אויפ'ן באַלקען געזוכט. אָבער פּלוצלונג איז ער איינגעשלאָפען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער זיך גע דאַרפט פערגעוויסערען אַז דאָס איז נישט געווען קיין בייזער חלום, די צוואָרפענע פאַפּירען און דער ספּעציפיש שווערער גערוך, וועלכען די זשאַנדאַרען האָבען איבערגעלאָזען אין דעם אויף טיר און פענסטער צוגעמאַכטען צימער, זענען געוועזען די בייזע ווירקליכקייט.

גם איז איהם געוואָרען זעהר טרויעריג און שווער אויפ'ן האַרצען, ער האָט גערעדט! זיי האָבען ביי איהם אַרויסגענאַרט, אַז אין דער רעדאַקציע קומען פאָר פערזאַמלונגען, און ער האָט פערשפּראָכען איבערצולייגען זיך!

ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז ער דאַרף דערציילען אין דער רעדאַקציע ווייס מיט איהם איז געשעהן, נאָר ער האָט געפיהלט אַז ער שעהמט זיך, און ער וועט קיינעם נישט קענען קוקען גלייך אין די אויגען. ווי אַזוי קען ער דערצעהלען, אַז ער איז געווען אַזאַ נאַר? עס וועט פאַלען אויף איהם אַ שאָטען, מען וועט זיך אָנהויבען צו היטען פון איהם, ווי פון אייגעם, וועלכער קען זיין צונג נישט האַלטען, אַ נאַר! אַ נאַר!

ווען ער איז שוין געשטאַנען אין דער טיר גרייט צו געהן צו דער אַרבייט, האָט ער אַזאַ טראַכט געטון, אַז ער טאָר אין דער דרוקעריי נישט אַרבייטען, אַז ער דאַרף אַריינשיקען זיין רעזיגנאַציע.

און אַזוי האָט ער געטון, אָהן קיין שום דערקלערונג. און דאַן האָט ער אויסגעמידען צו טרעפען זיך מיט די אַרבייטער, זיי זאָלען איהם קיין קשיות נישט פרעגען און ער זאָל זיי נישט דאַרפען זאָגען קיין ליגען.

(ווייטער מאָרגען)

די באַהן־ליניע ביים נאַני־טייך



וואו די יאפאנער האבן אפגעהאלטן דעם גרויסן נצחון איבער די כינעזער

פאטער און טאכטער

שוידערליכע יודישע טראגעדיע — פון די איבערלעבנישן אין אוקראינע

ס'איז געווען אין יאָהר 1919.

ס'זענען געשטאַנען וואַרימע, ליכטיגע זומער־טעג.

דער וואַלד אַרום שטעטעל ק. איז נאָך קיינמאָל אַזוי גרין נישט געווען, ווי אין יענע טעג, און די פערבענקטע לבנה האָט נאָך קיינמאָל נישט געגאָסען פון בלויען הימעל אַזאַ העלען זילבער־שיין, ווי אין יענע זומער־נאַכט.

שעהן און רוהיג איז אַלץ געווען אין דער נאַטור.

אָבער אין צוזאַמענלעבען פון מענשען איז געווען פונקט דער היפוך.

די יודישע בעפעלקערונג פון שטעטעל ק. האָט געלעבט אין טויט־שרעק.

מענשען האָבען גאָרנישט געטון, מ'האָט נישט געזעהען אין גאַס קיין לעבעדיגען נפש, ביינאַכט זענען געווען פעריגעלט טיר און טויער.

פינסטערע כחות האָבען זיך געגרייט פערגיסען יודיש בלוט, ראַבירען יודיש האָב און גוטס...

אויף דער פּאָליטישער שפּראַך האָט דאָס געהייסען, אַז ס'האָט זיך געגרייט אַ אויפשטאַנד, נעגען די „רויטע", וועלכע האָבען ערשט נישט לאַנג איינגעפיהרט זייער מאַכט אין שטעטעל ק.

און ס'איז געקומען דער שרעקליכער טאָג:

ס'האָט זיך אָנגעהויבען גיסען יודיש בלוט.

די „ווייסע" (אַזוי האָבען זיי זיך גערופען), בעוואָפענטע מיט ביקסען, העק און סתם העלצער, זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז, צונויפגעזאַמעלט מאַנסבילען און גע'הרג'עט. צווישען די דער'הרג'עטע האָבען זיך אויך געפונען מינדעריעהריגע קינדער.

נאָר איין מאַן אין שטעטעל האָט זיך אויסבעהאַלטען.

דאָס איז געווען דער פעלשער ק., אויף וועלכען מ'האָט גערעדט, אַז ער איז אַ טוער ביי די „רויטע".

ווייב און קינדער האָבען איהם אויסבעהאַלטען אין די הויכע קאָרנס אין פעלד.

אָבער חוץ זיי האָט קיין נפש אין שטעטעל נישט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך.

האָבען די „ווייסע" מערדער געפאָדערט, אַז די יודען זאָלען אָנווייזען וואו דער פעלדשער געפינט זיך — אַנדערש וועלען זיי אויסקוילען ביז דעם לעצטען מאַן אין שטעטעל.

ס'האָבען נישט געהאָלפען די געוויינען פון פרויען און קינדער

די רוצחים זענען געגאַנגען און ווידער גע'הרג'עט.

איז ביי דעם פעלדשער ק. אַ עלטערע טאָכטער געווען.

פאָטער און טאָכטער האָבען זיך צערטליך געליבט.

האָט די דאָזיגע טאָכטער נישט געקאָנט מעהר איבערטראָגען דאָס פערגיסען פון אומשולדיק בלוט און האָט, נאָך אַ שטאַרקען אינערליכען קאַמף, בעשלאָסען אָנווייזען דאָס אָרט, וואו איהר פאָטער איז אויסבעהאַלטען.

און זי האָט אַוועקגעפיהרט די מערדער אין פעלד.

מ'איז שטיל געגאַנגען.

אין פעלד איז געווען אַזוי רוהיג...

פון ביידע זייטען האָבען זיך זאַנגען געוויגט.

מיט די קעפּלעך געשאָקעלט, געשאָקעלט אויף דער טאָכטער, וואָס האָט מערדער צום פאָטער געפיהרט...

און מ'איז געקומען...

די טאָכטער האָט דעם פאָטער אַ רוף־געטון...

פון קאָרן האָט זיך אַ קאָפּ בעוויזען...

בליקען פון פאָטער און טאָכטער האָבען זיך בעגעגענט...

און דער טיפסטער תהום פון ערשטוינונג, ענטוישונג און איבערמענשליכען צער האָט זיך אין איין מינוט אין די בליקען אָפּגעשפּיגעלט.

צוויי ביקסען שאָסען האָבען צו ווידער שטומער טראַגעדיע אַ סוף געמאַכט.

די מערדער זענען שווייגענדיג שנעל אַוועקגעגאַנגען.

נאָר די אומגליקליכע טאָכטער איז אויף דעם טויטען קערפּער פון פאָטער פער'חלשט געבליבען.

ע—ן.

לויה פון די ארבייטער, וואס זענען אומגעקומען

בעת'ן שרעקליכען אויפרייס אין ענגלישען קוילען־גרובען

די פרוי, וואס איז די ערשטע אריין אין דער געשטירצטער באסטיליע

שטורמדיגער לעבען פון טעריאן דע מעריקור און איהר טראגישער סוף.—אנ'אינטערעסאנטער קאפיטעל געשיכטע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע

(סוף).

טעריאנס גרויסע פאפולאריטעט האט ארויסגערופען שרעק און האס ביים קעניגס אלע אינטערלעקער, אלע אריסטאקראטישע צייטונגען האבען אויפגעהויבען א קאמף געגען איהר; זיי האבען זי געוואלט פערמיאוסען, ביי די מאסען און האבען זי אנגערופען מיט די נידעריגסטע נעמען און אויפגעווארפען איהר נישט־שעהנע פערגאנגענהייט, איהרע רייכע געליבטע און איהר אויסגעלאסענהייט.

אין דער אמת'ן האט טעריאן שוין לאנג איבערגעריסען מיט איהר פערגאנגענהייט און אלץ וואס זי האט געהאט, איהר גאנצען פערמעגען האט זי אפגעגעבען פאר דער רעוואלוציע, איצט איז טעריאן ארים ווי אלע ארימע און נישט איין טאג געהט זי ארום א הונגעריגע און האט נישט קיין ביסען ברויט אין מויל. איהרע לעצטע בריליאנטען און צירונג ווארפט זי אויף דער טריבונע פון רעוואלוציאנערען קלוב. זי ווענדעט זיך צו אנדערע פרויען, אז זיי זאלען פון איהר נעהמען א ביישפיל, און אפגעבען אלץ וואס זיי פערמאגען פאר דער רעוואלוציע, ווייל מען דארף געלד אויפצובויען דעם פאלאץ פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג אויף די חורבות פון דעם קעניגס צושמעטערטער באסטיליע.

אין אנהויב פון יאהר 1790 איז טעריאן אנטלאפען פון די פערפאלגונגען פון די מאנארכיסטען, זי בעהאלט זיך אויס אין דארף וואו זי איז געבוירען געווארען. זי ברענגט אין דארף אריין איהרע רעוואלוציאנערע געדאנקען און דאס גאנצע דארף זינגט שוין אלע פאריזער רעוואלוציאנערע לידער. זי דערצעהלט זיי די געשיכטע פון דעם בעריהמטען טאג, דעם 6־טען אקטאבער, ווען זי האט זיך די ערשטע אריינגעריסען אין קעניגס פאלאץ; ווי די קעניגין און אלע הויף־דאמען זענען דערשראקען געווארען, ארומגעלאפען פון זאל צו זאל מיט צופאטעלטע האר, פערפאלגט פון די הונגעריגע און צארנדיגע פרויען, די דארפסלייט גאפען הערענדיג איהרע רייד ווי א מעשה פון טויזענד און איין נאכט.

אין גיכען אבער ווערט איהר דערעסען דאס געמיטליכע דארף־לעבען, עס ציהט איהר צו גרויסער ארבייט און שטורעמדיגער טעטיגקייט.

זי קומט באלד אין ליעזש, זוכט מיטלען אויף ארויסצוגעבען א רעוואלוציאנערען זשורנאל, און ווערט אין גיכען פערשוואונדען, איהרע נאהענטע מיינען, אז איהר פערשווינדען איז פערבונדען מיט עפעס א ראמאנטישע געשיכטע; אבער שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען די ווירקליכקייט.

אין דער צייט ווען זי איז געווען אין ליעזש, האט אן עסטרייכישע ארמעי פערנומען די שטאט, און אזוי ווי זי איז געווען בעוואוסט פאר איהר רעוואלוציאנערער טעטיגקייט, איז זי ארעסטירט געווארען פון די עסטרייכער און איז אונטער א וואך אוועקגעשיקט געווארען אין ווין און פערשפארט געווארען אין תפיסה.

די אויספארשער האבען פון איהר גארנישט געקענט אויסגעפינען, איהר האלטען זיך האט אבער ארויסגערופען רעספעקט און די אויספארשער זענען פון איהר אזוי בעווירקט געווארען, אז זי האט זיך דערשלאגען, דאס דער עסטרייכישער קייזער לעאפאלד אליין זאל זי אויפנעהמען ביי זיך אין פאלאץ אויף א פערהער.

טעריאן האט פאר'ן קייזער אפען ארויסגעזאגט איהרע רעוואלוציאנערע געדאנקען און איהר גרייטקייט צו קעמפען נישט נאר געגען פראנצויזישען קעניג, נאר געגען אלע מאנארכען פון דער וועלט, זי האט געמאכט אויפ'ן קייזער א זעלטענעם איינדרוק, אזוי אז דער קייזער האט פאר איהר ארויסגעוויזען זיין ריטערליכקייט און האט בעפוילען צו בעפרייען זי און העלפען איהר אריבערקלייבען זיך איבער דער עסטרייכישער גרעניץ.

אין דערזעלבער צייט, אין יאהר 1791 ווערען אלע פאליטישע פערברעכער בעפרייט און טעריאן קומט אין פאריז. זי ווערט אויפגענומען מיט בעגייסטערונג, פון די יאקאבינער (די עקסטרעמסטע רעוואלוציאנערע פארטיי אין יענער צייט אין פראנקרייך), אויף א פערזאמלונג אין זייער קלוב ווערט זי בעגריסט פאר איהר בירגערליכען גרויסען מוט, פאר איהרע גרויסע פאליטישע פערדינסטען און פאר איהר בראווקייט פון א העלדישער פרוי.

איצט קומט פאר טעריאן די בליהענדסטע צייט פון איהר טעטיגקייט, זי טרעט־אויף אלע מאסען־פערזאמלונגען און בעגייסטערט אלעמען מיט איהר רעדנער־טאלאנט. זי ווערט אנ'איינגעהערין אין די צייטונגען, שרייבט און ארגאניזירט די פרויען, פרייהייט און גלייכהייט פאר דער פרוי, גלייך מיט דעם מאן, — דאס איז געווען איהר אינטערעס, און איינע פון די ערשטע שלאג־ווערטער און פאדערונגען פון דער רעוואלוציע, און זי לאזט נישט אפ, ביז זי ארגאניזירט א פרויען־באטאליאן פון אמאזאנקעס — פרויען־סאלדאטען, זי פיהרט איין א קלוב פון רעוואלוציאנערע פרויען, די פרויען קלייבען זיך אפט צונויף, לערנען, שטודירען און גרייטען זיך צו געזעלשאפטליכען טעטיגקייט. דאס געפעלט אבער נישט די מענער: די הייזער זענען נישט צוגעקליבען, די קינדער זענען אויף הפקר, דאס עסען איז נישט אפגעקאכט, און דעם מאנ'ס זאקען זענען נישט פעריכט. דאס ווייב, די בעלעבאסטע איז נישט אויף איהר ארט. די אומצופרידענהייט פון די מענער דערגעהט אזוי ווייט, אז אין קלוב פון די יאקאבינער ווערט אויפגעהויבען די פראגע פון פערמאכען דעם פרויען־קלוב, בשעת דער דעבאטע וועגען פערמאכען דעם פרויען־קלוב האט אפילו אזא רעוואלוציאנער, ווי ראבעספיער, טרוקען זיך ארויס געגען אזא פרויען־קלוב, ווייל אזא קלוב ציהט אוועק די ווייבער פון זייערע היימען, און דער פרויען־קלוב ווערט איינשטימיג פערמאכט.

טראט ביי טראט געהט די רעוואלוציע. דאס פאלק כאפט זיך, אז דער קעניג, וואס האט צוגעזאגט אלערליי פרייהייטען האט אפגענארט און פערראטען דעם פאלק, איז דאס פאלק איצטער אויפגעשטאנען אויף אנ'אמת און טויזענדער, טויזענדער שטורמען דעם קעניגס פעסטונג אין טויאלרי, און טעריאן איז אין די ערשטע רייהען. זי ווערט שרעקליך היזעריג, זי פערלירט כמעט איהר קול.

אין די אויפשטאנדען שטויסט זי זיך אן אויפ'ן מאנארכיסטישען שרייבער סיולא, וועלכער האט זי כסדר בעשמוצט אין זיין צייטונג און האט געהאלטען אין איין אויפווארפען איהרע אמאליגע זינד און איהר אויסגעלאסענהייט, דאס פאלק נעהמט איצט נקמה פאר זיין אנפיהרערין און סיולא שטארבט ביי טעריאנס פיס.

די מאנארכיע איז געפאלען, די רעוואלוציאנערע פארטייען האבען זיך איצט גענומען אפטיילען, פונאנדער־געהען זיך אין מיינונגען וועגען איינשטעלען א נייע רעוואלוציאנערע, פאליטישע און סאציאלע ארדנונג. די אזוי־גערופענע זשיראנדיסטען, מעסיגע רעוואלוציאנערען מיט זייער פיהרער בריססא, זענען דעמאלט טעריאנען געווען מעהר צום הארצען ווי ראבעספיער און די עסטרייכישע יאקאבינער, און טעריאן ווערט אריינגעצויגען אין קאמף פון די פארטייען.

אין פריהלינג פון יאהר 1793, פאר'ן אויסשליסען די זשיראנדיסטען פון קאנווענט (די בעריהמטע געזעצגעבערישע פערזאמלונג פון פאלקס־דעפוטאטען), קלעפט טעריאן פונאנדער איבער גאנץ פאריז אנ'אויפרוף פאר ברידערליכען פרידען פון די פארטייען, איהר אויפרוף האט נישט געווירקט, אין איהר אויפרוף האט זי אויך אפעלירט צו די פרויען, אז זיי זענען די איינציגע וואס זענען בכוח איינצושטעלען שלום צווישען די פארטייען און געגנערישע מיינונגען און נישט דערלאזען צו אנ'אינערליכען ברודער־קריג.

טעריאנס אפעל האט צו גארנישט געפיהרט. דער קאמף פון די זשיראנדיסטען און די יאקאבינער איז געווארען אלץ בלוטיגער, דערווייל זענען טעריאנס סימפאטיעס געוואקסען אויף דער זייט פון די זשיראנדיסטען און זייער פיהרער בריססא, און דאס האט געפיהרט צו איהר טרויעריגען סוף.

דעם 31־טען מאי 1798 דעם טאג ווען מען האט די זשיראנדיסטען ארויסגעווארפען פון קאנווענט און פאר די טויערען פון קאנווענט האבען די פערביטערטע, אויסגעהונגערטע פרויען געשריען: „אראונטער מיט בריססא'ן!", איז טעריאן געווען צווישען די ארימע פרויען און זיך געסטארעט איבערצונעמען זייער האס און צארן.

אנ'אויפגעשוידערטע האט זי געזעהען ווי דאס פאלק שטעהט אויף געגען איהרע מיטקעמפער.

פון ווייטען האט זי דערזעהן דעם פיהרער בריססא, ער איז געגאנגען, ווי שטענדיג, אנ'איינגעהויקערטער, א בלייכער און א צושראקענער פאר די געגנערישע מאסען. טעריאן איז איהם געלאפען אנטקעגען; זי האט מיט דעם געוואלט בעשיצען דעם געפאלענעם פיהרער פון דעם ווילדען טעות, זי האט אבער געמאכט א טעות: די פרויען, איהרע פריהערדיגע נאכפאלגערינס, די יאקאבינערינס, האבען איהר נישט געקענט מוחל זיין איהר אריבערגעהן צו די געגנער, און צעהנדליגע פרויען האבען זי אנגעכאפט, האבען זי געשלעפט איבער די שטיינער, האבען פון איהר ארונטערגעריסען איהרע קליידער און האבען זי שענדליך געשמיסען.

טעריאנס מוח האט געקראגען א קלאפ אויף די שטיינער פון פאלאץ אין טויאלרי, — דעם זעלבען פאלאץ, וואוהין זי האט פריהער, מיט א שווערד אין האנד און א ביקס אויף דער פלייצע, געפיהרט נאך זיך די זעלבע דערשלאגענע און הונגעריגע פרויען.

זי איז שוין מעהר נישט געזונט געווארען און גאנצע צוואנציג יאהר, ווי אין אייביגער פינסטערניש, איז זי אפגעזעסען אין א משוגעים־הויז.

א. מילב



„רא. ק'—דער נייער ריזען-עראפלאן פון די דארניער=פאבריק אין דייטשלאנד.

מעג אמאן פערעפענטליכען די אינטימע בריף וואס אפרוי האט איהם געשריבען?

דער זוהן פון דער בעריהמטער ענגלישער אקטריסע, עלען טערי, בייזערט זיך אויף בערנארד שאו, פארוואס ער האט אפגעדרוקט די בריף פון זיין מוטער צו איהם

די לעצטע סענסאציע איז ארום בערנארד שאו'ס בוך, אין וועלכען עס זענען אפגעדרוקט געווארען די בריף וואס דער בעריהמטער ענגלישער דראמאטורג האט אין פערלויף פון יאהרען געשריבען צו א בעריהמטער ענגלישער אקטריסע, און אויך פון די בריף, וואס זי, די בעריהמטע ענגלישע אקטריסע האט געשריבען צום דראמאטורג, דער בוך איז איצטער איינער פון די פאפולערסטע סיי אין ענגלאנד און סיי אין אמעריקע; ער ווערט פערקויפט אין טויזענדער עקזעמפלארען, ווייל דאס איז דאך שוין אנ'אלטער כלל, אז מענשען אינטערעסירען זיך מיט די אינטימע סודות פון בעריהמטע פערזענליכקייטען, און אין דעם פאל, זענען ביידע פערזענליכקייטען זעהר בעריהמט, אי דער דראמאטורג, אי די אקטריסע.

די אקטריסע איז שוין טויט און דער דראמאטורג האט שוין אויך ווייט אריבערגעשפאנט די צווייטע צ'טער און די געשיכטע מיט די בריף צו זייער אקטריסע, זענען שוין ביי איהם א שטיק פערגאנגענהייט, אויף וואס ער קען זיך פערגינען צו קוקען מיט ניכטערע בליקען, ער אליין האט צום בוך צוגעשריבען א פארערעדע, די בריף זענען, אלזא, פערעפענטליכט געווארען מיט זיין צושטימונג.

קען זיך דער בוך פאר א סך מענשען זיין אינטערעסאנט און פאר אנדערע — נישט אינטערעסאנט עס קענען זיך אויך געפינען אזעלכע וואס וועלען זאגען, אז בערנארד שאו לאזט בכלל נישט אויס קיין געלעגענהייט צו זיין אויף די ערשטע זייטען פון די צייטונגען און אין די מיילער פון טויזענדער מענשען. וויכטיג איז נאר דאס, וואס עלען טערי האט איבערגעלאזען א זוהן, און ער, דער זוהן, איז זעהר נישט צופרידען פון דעם וואס מען האט פערעפענטליכט די בריף, וואס זיין מוטער האט געשריבען צום דראמאטורג.

עלען טערי'ס זוהן איז אליין אויך א בעריהמטע פערזענליכקייט. דאס איז דער בעריהמטער גארדאן קרעיג, וועלכער האט געשפילט א גרויסע ראל אין דער ענטוויקלונג פונ'ם מאסקווער קונסט־טעאטער און אויך אין דער געשיכטע פון מאדערנעם טעאטער אין אלגעמיין, ער איז בעריהמט אלס א טעאטראלער מאהלער און טעארעטיקער: ער האט אויך געשריבען א היבש ביסעל וועגען טעאטער; זיין נאמען איז בעקאנט איבער דער גאנצער וועלט און פונקט אזוי ווי איינציגע האלטען, אז ער האט פאר'ן טעאטער אויפגעטון זעהר א סך, געפינען זיך אזעלכע, וואס רייסען איהם אראונטער און פרובען בעווייזען אז ער האט ארום טעאטער געמאכט א סך טומעל, אבער אויפגעטון זעהר ווייניג.

אין סאך־ערגרונד שטעהט ער אבער אלע מאל, ווייל חוץ דעם וואס ער איז א קינסטלער, איז ער אויך איינער פון די עקסצענטרישע נאטורען, וועלכע ווארפען זיך אלע מאל שטארק אין די אויגען.

האט גארדאן קרעיג איצטער געמאכט א גאנצען טומעל וועגען דעם, וואס בערנארד שאו האט פערעפענטליכט אין א בוך די בריף, וואס זיין מוטער האט איהם געשריבען, ער בייזערט זיך שטארק אויף שאו'ן און ער זאגט, אז דערמיט וואס ער האט פערעפענטליכט די בריף האט ער בעוויזען אז נישט נאר איז ער נישט קיין דזשענטעלמאן נאר ער איז אפילו קיין מאן נישט, און אז אין זיין אייפערזוכט איז ער געווען קליינליך, זעהר קליינליך.

זיין גאנצען צארן לאזט גארדאן קרעיג אויס צו שאו'ן, מען פיהלט דעם צארן נישט נאר אין די שורות, וואס ער האט אנגעשריבען וועגען דיזען ענין, נאר אויך צווישען די שורות. מען פיהלט ווי דער מענש איז שרעקליך אין כעס דערפאר, וואס מען האט אויסגעזאגט דער וועלט זיין מוטערס אנ־אינטימען סוד.

און כאטש עס ווערט געמאכט א פערזוך צו שאפען דעם איינדרוק אז דא האנדעלט זיך בלויז וועגען עטיק, איז אבער פונדעסטוועגען קלאר, אז דער זוהן וויל גלאט נישט ליידען פאר וואס מען האט ארויסגעשטעלט פאר דער וועלט זיין מוטער אין אזא ליכט, אז מען זאל זעהען, אז זי האט זיך נישט געהאלטען ביי אלע כללים פון דער אנגענומענער מאראל.

גארדאן קרעיג האט אמאל געפיהרט א ליבע מיט דער בעריהמטער אמעריקאנער טענצערין איזאדארא דאנקאן, אין די מעמוארען וואס זענען פערעפענטליכט געווארען נאך איהר טויט האט איזאדארא דאנקאן דערצעהלט וועגען איהר ליבע מיט קרעיג'ן אזעלכע זאכען, וואס בעווייזען קלאר, אז דאס איז געווען א ווילד־קינסטלערישע ליבע, וואס רעכענט זיך איינגאנצען נישט מיט אזעלכע זאכען ווי געזעלשאפטליכע מאראל. די דאנקאן האט דערצעהלט גאנץ סענסאציאנעלע איינצעלהייטען וועגען איזרע בעציהונגען מיט גארדאן קרעיג. אויך אין די מעמוארען פון סטאניסלאווסקין געפינט מען גענוג אנצוהערעניש וועגען יענער ווילדער ליבע, וואס האט אין זיך געהאט א היבש ביסעל קינסטלערישע צולאזענקייט. און פונדעסטוועגען איז נישט בעקאנט, אז ער, גארדאן קרעיג זאל האבען פראטעסטירט געגען דעם וואס מען האט וועגען איהם אזעלכע זאכען דערצעהלט, ער האט נישט פראטעסטירט און נישט געלייקענט, און אפשר האט ער נאך געהאט הנאה פון דער, וואס די דערצעהלטע איינצעלהייטען האבען איהם ארויסגעשטעלט אין אזא ליכט, אז עס האט פאר אלעמען געקענט זיין קלאר, אז ער איז נישט אזוי ווי די געוועהנליכע מענשען, אז ער איז אנדערש — א קאפריזנער קינסטלער מיט קינסטלערישע צולאזענקייט, וואס זענען זיכער א טייל פון זיין קאמפליצירטער נשמה.

אבער ווען עס קומט צו דער אייגענער מוטער, וועלכע איז, אגב אויך געווען א קינסטלערין, און נאך א גרויסע קינסטלערין דערצו, וויל ער דווקא אז די וועלט זאל גלויבען אז זי איז געווען א סאלידע דאמע, וועלכע האט זיך קיינמאל נישט ערלויבט צו טון עפעס אזוינס, וואס מען טאר נישט לויט דער מאראל פון דער געזעלשאפט.

ער אליין מעג, די מאמע אבער טאר נישט.

ער אליין האט א רעכט, די מאמע אבער האט קיין רעכט נישט.

און אויב זי האט זיך יא גענומען די רעכט, דארף קיינער וועגען דעם נישט וויסען, עס מוז בלייבען א סוד, און ווען עס געפינט זיך איינער, וואס זאגט אויס דעם סוד, איז ער נישט נאר נישט דזשענטעלמאן, נאר ער איז גלאט קיין מאן נישט, און מען דארף אויף איהם אויסגיסען דעם גאנצען גרימצארן.

נו, שטעלט זיך א פראגע:

צי האבען טאקע קינדער א רעכט צו קאנטראלירען די מאראל פון זייערע עלטערן?

זעהר זעלטען געפינט מען א קינד, וואס זאל זיך בעציהען גוט צום פאטער, אדער צו דער מוטער, וואס פיהרט א זייטיגע ליבע, אפילו נאר אינטעליגענטע קינדער זענען אין דעם פונקט נישט קיין אויסנאהם. ספעציעל נאך ווען דער זינדיגער איז דער פאטער, נישט די מוטער. דאן האט ער אין זיינע קינדער שונאים, ביטערע שונאים, און א סך העלפט אין דעם די מוטער; זי ערציהט די קינדער אזוי, אז זיי זאלען דעם טאטען האסען, און קיין איינעם פון זיי פאלט נישט איין א טראכט צו טון, אז עס איז אפשר בוליטיג אנ'אנדער צוגאנג און אנ'אנדער בעגריף צו פערשטעהן דעם טאטען אין אזא פאל.

אנ'אויסנאהם איז געווען די טאכטער פון דעם ענגלישען דיכטער לארד בייראן, ביי דער מוטער אין הויז האט זי אפט געהערט אז דער טאטע איז אנ'אויסוואורף, אז ער פיהרט א סך ליבעס מיט פרויען, און אין אלגעמיין איז ער א פערדארבענער מענש, און כאטש זי איז דערצויגען געווארען אין אזא אטמאספערע, וואו זי האט געהאט א גוטען גרונד צו האסען דעם טאטען, האט זי פונדעסטוועגען אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז נאך אלעמען איז ער אנ'אינטערעסאנטער מענש, א ליידענדער מענש און זי האט איהם ליב געהאט, כאטש זי האט איהם נישט געזעהן, פאר'ן טויט האט זי געבעטען, אז מ'זאל זי בעערדיגען לעבען זיין קבר.

מ. א—טש.

גייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

גייער פאלקסבלאט

מאנטאג 30 כ פסלו תרצ"ב

נאוועמבער
זון-אויפגאנג 7.17
זון-אונטערגאנג 3.30

נישט גרינע נאר ווייסע מעלדונג-פארמולארען

וואס דארפען די בעל-הבית'טעס און הויז-אדמיניסטראטארען וויסען ביים איינמעלדען דינסטמעדלעך

(2) אין לאדז ווערט איצט איינגעפיהרט א נייע מעלדונג-פארשריפט, וועגען איינמעלדען דינסטען. ביז איצט זענען ד ידינסטען, וואס זענען געקומען פון דער פראווינץ איינגעמאלדען געווארען אויף גרינע צעטלען. לויט די לעצטע פארשריפטען וועלען אלע דינסטען, אפילו פון דער פראווינץ געמאלדען ווער'ען אויף ווייסע מעלדונגס-פארמולארען.

? אלע ? לאדזער יודישע טעאטער-בעזוכער דערווארט א גרויסע איבערראשונג זונטאג, דעם 6-טען דעצעמבער 1931 — אין — פיל-הארמאניע ? ?

היינט זאל אויסברעכען א שטרייק אין דער שטרימף-אינדוסטריע

נעכטיגער מיטינג פון די קאטאן-ארבייטער

(2) נעכטען איז אין טעאטער, זגערזשער 17 פארגעקומען א מיטינג פון קאטאן-ארבייטער.

אויף דעם מיטינג איז ארומגערעדט געווארען די לאגע אין דער שטרומפ-בראנזשע, צוליב דעם, וואס די פאבריקאנטען האלטען זיך נישט לויט דעם לעצטען ארביטראזש-אפמאך.

נאך לענגער'ע דעבאטען איז בעשלאסען געווא־רען צו פראקלאמירען אן'אלגעמיינעם שטרייק אין די פאבריקען, וועלכע די פאבריקאנטען האלטען נישט דעם ארביטראזש-אפמאך.

ס'איז מעגליך, אז היינט וועט אין די דער־מאהנטע פאבריקען אפגעשטעלט ווערען די אר־בייט.

צוויי פרויען אין פלאמען

טערפענטין-אויפרייס אין מיטען נאכט

(2) אנטאנינא מיכאלעצקא (28 שיסע־ פולק 26), ליידט אויף אטרעטיזם. נעכטען 4 פארטאג, האט זי געוואלט אנווארימען א פלעשעל טערפענ־טין. פלוצלונג האט דאס פלעשעל אויפגעריסען פון וואס די פרוי איז ארומגעכאפט געווארען פון די פלאמען. אויף איהרע געשרייען איז אנגעקומען איהרע א קרובה אנטאנינא פאנסטין, אבער דאס פייער האט זי אויך ארומגעכאפט, ביידע פרויען האבען בעקומען שווער'ע בראנד-וואונדען. די פאר־גאטאווי'ע האט זיי געגעבען הילף.

צום 100 יאהרצייט פון נאוועמבער-אויפשטאנד

נעכטיגע פייערליכקייטען און גאטעס-דינסטען

(2) נעכטען, זונטאג איז אויסגעפאלען די 100 יאה־צייט פון דעם נאוועמבער-אויפשטאנד אין יאהר 1831. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז נעכטען פארגעקומען א גאנצע רייהע פייערליכקייטען און רעפעראטען פאר דער שול-יוגענד און פאר'ן מיליטער. אין קירכעס זענען אפגעריכט גע־ווארען גאטעסדינסטען.

בעגנב'עט אויף דער פאסט

(א) אויף דער הויפט-פאסט, האט א טאשען־ציהער ארויסגעצויגען פון רישארד היימאן (ראקא־משינער 100) 450 זל. דער גנב איז נעלם גע־ווארען.

פערשידענעס

פאר 2 יאהר ראש-השנה איז איבערגעפאהרן געווארען דורכ'ן טראמוואי אויף טויט אויף נאווא־מיעסקא 27 די 6-יעהריגע זעלדע אייזיקאוויטש. דער אומגליקליכער פאטער האט אנגעקלאגט די טראמוויי-געזעלשאפט אין געריכט. דער פאטער דארף האבען עדות פון דעם טרויעריגען פאל. ווער ס'האט בייגעוואוינט דעם פאל ווערט דערנבעטען זיך צו ווענדען צו אייזיקאוויטש, דרעוו־נאווסקא 32.

מארגען שלאמ'ס פראצעס אין לאדזער קרייז-געריכט

(א) מארגען קומט פאר אין קרייז - געריכט דער פראצעס געגען יאקוב שלאם, וועלכער האט מיט א צייט צוריק אויסגעפיהרט אן'אנפאל אויף דער קאסירקע ווייגבערג, שלאם האט געוואלט גע־שטעלט ווער'ען פאר א שבעל-געריכט. צוליב דעם. וואס דער רויב-אנפאל איז נישט אויסגעפיהרט גע־ווא־רען איז דער פראצעס איבערגעשיקט געווארען צו א געוועהנליכען געריכט.

ארבייטסלאזע פרויען פאלען אין די גאסען פון הונגער

(א) אויף זשגאוסקא 3 איז די 43-יעהריגע ארבייטסלאזע אנא קושיוואנסקא געפאלען אין חל־שות פון הונגער.

אויף לוטאמירסקא גאס איז די 28-יעהריגע ארבייטסלאזע אוועקגעפאלען אין חלשות פון הונגער.

יונגלעך טארען נישט קאנקורירען מיט קוואליפיצ. האנדווערקער

(2) אין לעצטען נומער „דזשעניק אוסטאווו" איז פערעפענטליכט דער אוסטאוו, לויט וועלכען יונגלעך טארען נישט בעשעפטיגט ווערען אין די ווארשאר־שען, ווייל זיי קאנקורירען מיט קוואליפיצירטע האנד־ווערקער.

שריט צו ליקווידירען דעם שטרייק אין דער זייד-אינדוסטרי

(2) דער ארבייטס-אינספעקטאר האט אונטער־גענומען די איניציאטיוו צו ליקווידירען דעם לאנג־דויערנדען שטרייק אין דער זייד-אינדוסטריע.

געוואלט בראנפען און בעקומען א לאך אין קאפ

(2) באלעסלאוו סטאשאק, האט זיך נעכטען 4 פארטאג פערגלוסט א טרינק בראנפען. צו דעם צוועק האט ער אנגעקלינגען צום סטרוזש אויף זא־וואדזקא 5, וואו ס'געפינט זיך א ביר־שענק. דא האט איהם עמיצער דערלאנגט מיט א שטיק אייזען איבער'ן קאפ. פאגאטאווי'ע האט איהם געגעבען הילף.

בעפאלען און פערוואונדעט א יודישע פרוי

(א) אדורכגעהענדיג די בזשעזשינער גאס איז די פרוי פערעל מינסקא (דאלנא 19) בעפאלען גע־ווארען פון צוויי שיכורים, וועלכע האבען איהר מיט א שטיק אייזען געמאכט עטליכע לעכער אין קאפ. צו דער פערוואונדעטער איז ארויסגערופען געווארען די גיכע הילף. די אנפאלער זענען אנט־לאפען.

א „פעהיגער" אגענט נעמט דעם עולם אויף זיכער...

און געהט דערווייל זיצען אין תפיסה

(א) אין א היגער פערזיכערונגס-געזעלשאפט איז געווען אנגעשטעלט אלס אגענט דער 31 יעהרי־גער קאזשימיעזש פילארטשיק פון כאיני. כדי צו כאפען „העכטען" האט ער די נאאיווע קליענטען איינגערעדט אז אויב זיי וועלען איינצאהלען 2 טוי־זענד זל. וועלען זיי פון דער געזעלשאפט בעקומען הלוואות צו טויזענד דאלאר. צווישען אנדערע איז אויף אזא אופן בעשווינדעלט געווארען א געוויסער גראבאווסקי (נאוואפאלסקא 7).

נעכטען איז דער „פעהיגער" אגענט איינגע־זעצט געווארען אין תפיסה.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

דאנצער (זגערזשער 57), גראשקאווסקי, (11 ליסטאפאד 15), גארפיין (פילסודסקא 54), באר טאשעווסקי (פיעטריק. 164), רעמבעלינסקי (אנד־זשעיא 28), שימאנסקי (פשענדזשעלניאנא 15).

מ'אנטלויפט פון לעבען

4 זעלבסטמארדען אין איין טאג

(2) סטאניסלאוו פאוולאווסקי (קוניצערא 4) האט נעכטען מיט'ן צוועק צו בענעהען זעלבסטמארד איבערגעשניטען די אדערן פון די הענד.

איטאנינא קאזלאווסקא (דרעוונאווסקא 29) האט זיך פערסמ'ט מיט סובלימאט.

לעאקאדיא לימאנקעוויטש (זאוישא 31) האט זיך פערסמ'ט מיט זאלץ-זויערע.

אפאלאניא פוראק פון רודא-פאביאניץ, האט אויף סלאוואצקא 6 אויסגעטרינקען יאדינע.

אין אלע פאלען האט די פאגאטאווי'ע געגעבען הילף.

א שניידער בעגאנגען זעלבסטמארד

צוליב דער קריטישער לאגע

(2) נעכטען 9 פריה, איז דער איגענטימער פון שניידער-ווארשטאט פראנטשישעק מאיעראוסקי (פיעטריק. 142) בעגאנגען זעלבסטמארד. שיסענדיג זיך מיט א רעוואלווער. א שווער פער־וואונדעטער איז ער אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל שוו. יוזעפא. די סיבה פון זעלבסטמארד איז די קריטישע לאגע, אין וועלכער ער האט זיך לעצטענס געפונען.

„צווישען מויערן"

די טעג דערשיינט די ערשטע זאמלונג די דער „צווישען מויערן". אין דאזיגען זאמעלהעפט זענען בעטייליגט די יונגע ארבייטער - דיכטער: יצחק יאנאסאוויטש מ. טראיאנאוו, מ. י. סמאלאוט און וו. מושעל.

גיט אז יודיש אלס מוטער-שפראך

אן'אויפרוף פון דער יודישער שול-ארגאניזאציע וועגען דער פאלקס-צעהלונג

די הויפט-פערוואלטונג פון דער יודישער שול ארגאניזאציע האט ארויסגעלאזט אן'אויפרוף וועגען דער נאהענטער פאלקסציילונג.

אינ'ם אויפרוף ווערט ארומגערעדט די בעדייטונג פון דער פאלקסציילונג, איינע פון די וויכטיגסטע פראגען, אויף וועלכע די בעפעלקערונג וועט דארפען ענטפערן דאס איז די שפראך. דער אויפרוף פאדערט אויף די יודישע מאסען צו דעמאנסטרירען אינ'ם טאג פון דער פאלקסציילונג זייער צוגעבונדענקייט צו דער יודישער שפראך.

איהר ווייסט — זאגט דער אויפרוף — וויפיל איך קומט אויס צו ליידען צוליב דער רעכטלאזיגקייט פון דער יודישער שפראך, צו ליידען אין די שטאטישע און רעגירונגס-אמטען, אין די געריכטען און אפילו אויף דער גאס.

צום בולט'סטען און צום ביטערסטען פיהלען מיר אונזער רעכטלאזיגקייט אויפ'ן שול-געביט. עס עקזיסטירט נישט קיין איין מלוכה-שול אין דער שפראך פון די יודישע מאסען.

אונזער'ע קינדער פאלאניזירט מען מיט גע־וואלד. מען צווינגט זיי צו געהן אין פוילישע שולען און מען רייסט אויס ביי זיי ליבעדיגערהייט זייער צונג — זייער שפראך.

דורך דעם ווערט די ענטוויקלונג פון זיי קינ־דער אויפגעהאלטען, פערשפעטיגט. די קינדער ווע־רען גייסטיג פערקריפעלט און ווערען צוגעוואוינט צו קוקען אויף זיך, אויף דער יודישער מאסע, איהר שפראך, איהר קולטור און איהרע בויטען, ווי אויף עפעס ערגערס, וואס פערדינט נישט קיין בלייכבערעכטיגונג.

אבער אונזער רעכטלאזיגקייט אויפ'ן שול-גע־ביט ענדיגט זיך נישט מיט'ן צו נעהמען ביי אונז דאס רעכט אויף א מלוכה-שול אין דער יודישער שפראך! פיהלענדיג ווי נויטיג אונזערע קינדער מוזען האבען א שול אין זייער מוטער-שפראך, האבען מיר געבויט די יודיש-וועלטליכע שול, וועלכע מי רהאלטען אויס מיט גרויסע קרבנות פון דער יודישער מאסע. אבער אויך די דאזיגע שול, וועל־כע דערציהט דאס יודישע קינד אין זיין יודישער שפראך, ווערט געראדפ'ט, מען וויל אונזער שול אויסראטען, ווייל זי ענטשפרעכט די נויטען פון די יודישע מאסען.

מיר טארען אבער צו דעם נישט דערלאזען! מיר ווילען נישט זיין קיין וועקציינג פון פאלאניזא־ציע-פאליטיק! מיר ווילען פולע גלייכבערעכטיגונג פון דער יודישער מאסע, ווי פאר אלע איבעריגע פעלקער.

מיר ווילען און וועלען קעמפען פאר די רעכט פון דער יודישער שפראך. פאר דער אנערקענונג פון דער יודישער שפראך דורך דער מלוכה, פאר דער גלייכבערעכטיגונג פון דער יודישער שפראך אין די אמטען און אויפ'ן שול-געביט!

אט פארוואס מיר מוזען זארגען פאר דעם, אז יעדער פון אונז זאל אויף דער פראגע וועגען דער מוטער-שפראך אינ'ם בויגען פון דער פאלקס־ציילונג ענטפער'ן — יודיש!

אונזער שפראך איז יודיש! אין טאג פון דער פאלקסציילונג וועלען מיר אלע שרייבען אין דער רובריק „מוטער-שפראך" — יודיש!

ווער עס שרייבט יודיש, דער קעמפט פאר דער קולטור'עלער דערהויבונג, פאר דער סאציאלער און נאציאנאלער בעפרייאונג פון די יודישע מאסען!

P rywatne PO GOTOWIE LEKA SKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אלע פלוצימדיגע פארפאלען צו יעדער צייט ביי טאג און ביי נאכט ווי אויך אין אלע אקושעריע און גינעקאלאגישע הילף.

בעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע
— פון —
מאגיסטער נ. שאץ
פיעטריקאווער 37, 2 שטאק פראנט
אנאליזען פון קאל, אורין, לייכען א. אנד.
מעסיגע פרייזען. מעסיגע פרייזען

אנמעלדונגען אויף דרינגענדע אונטערשטיצונגען
פאַר אַרבייטסלאָזע אויפ׳ן חודש דעצעמבער

דינסטאָג, דעם ערשטען דעצעמבער הויבט מען אָן אָנצונעהמען אָנמעלדונגען פון אַרבייטסלאָזע פיזישע אַרבייטער אויף דרינגענדע אונטערשטיצונג פאַר׳ן חודש דעצעמבער.

דאָס רעכט אויף דער דאָזיגער אונטערשטיצונג האָבען: 1) אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען אויסצוהאַלטען א פאַמיליע און וואוינען אין לאָדז פון יאַנואַר 1930; 2) וועלכע נעהמען נישט קיין געזעצליכע אונטערשטיצונגען; 3) וואָס געניסען נישט פון קיין אונטערשטיצונגען פון קראַנקען-קאַסע; 4) נעהמען נישט קיין שום רענטעס; 5) האָבען נישט קיין שום אונטערנעהמונגען.

די אָנמעלדונגען ווערען אָנגענומען אויף לואיזא 32 פון 8 פריה ביז 3 נאָכמיטאָג.

דינסטאָג, דעם 1 דעצעמבער דאַרפען זיך מעלדען די אַרבייטסלאָזע מיט די אותיות:

A B C D E F G H I J

מיטוואָך, דעם 2 דעצעמבער:

K L Ł

דאָנערשטאָג, דעם 3 דעצעמבער:

M N O

פרייטאָג, דעם 4 דעצעמבער:

P R S

שבת, דעם 5 דעצעמבער:

T U W Z Ż

אז א מאַז פערנעמט זיך מיט בעל־הבתישקייט
קינד בעקומט בראַנד־וואונדען און די מוטער א האַרץ־שלאַג

(2) אויף לעלעווסקאַ 18, האָט דער איינוואוינער פון דעם הויז יאַנקאָווסקי געוואָלט איינהייצען דעם אויוועז, שטאָטס נאַפט האָט ער דאָס האָלץ בעגאָסען מיט בענזין, צוליב וואָס ס׳איז ענטשטאַנען אַן אויפרייס. די פלאַמען האָבען אַרומגעכאַפט יאַנקאָווסקין און זיין פינף־יעהריג טעכטערל. זאָשאַ.

דאָס קינד האָט בעקומען שווערע בראַנד־וואונדען. די קראַנקע מוטער האָט דערביי בעקומען אַ האַרץ־שלאַג. די פאָגאָטאָוויע האָט אַלע דריי ערטיילט הילף. דאָס קינד איז אָפגעפיהרט געוואָרען אין שפיטאַל „אַננאַ מאַריאַ“.

דער שטרייק פון די חותמים איז באַלומער שעכט־הויז זיך פערשאַרפט
צוליב דעם ווידערשטאַנד פון די שוחטים נישט צו בעצאָהלען די חובות

דאָנערשטאָג אָוועגד איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון יעד־הכשרות מיט דעם ראַבינאַט און דער אַגוודעצנהייט פון די שוחטים.

אַלע ראַבינאַט־מיטגלידער און יעד־הכשרות האָבען זעהר געטאַדעלט די אויפפיהרונג פון די שוחטים לגבי די חותמים.

שבת אָוועגד זענען זיך צוזאַמענגעקומען די שוחטים מיט די חותמים, אָבער צוליב דעם, וואָס די שוחטים האָבען פון די חובות נישט געוואָלט רעדען, אויף וועלכען די חותמים קענען נישט איינגעהען, זענען די אונטערהאַנדלונגען געוואָרען איבערגעריסען און דער שטרייק דויערט ווייטער.

—=:0:=—

פייערליכער חנוכת הבית אין קאַצענעלסאָנס גימנאַזיע

שבת אין אָוועגד איז פאָרגעקומען אַ פייערליכער חנוכת־הבית פון קאַצענעלסאָנס גימנאַזיע (זאַוואַדזקאַ 43).

עס זענען געווען פערזאַמעלט, דאָס לעהרער־פערסאָנאַל, שילער, עלטערען, געסט און פרעסע־פאָרשטעהער.

די פייערונג האָט געעפענט דער שילער־כאָר אונטער דער לייטונג פון ה׳ ריטער־באַנד.

נאָכדעם האָט דירעקטאָר ד״ר האַלצבערגער געהאַלטען אַן׳איינהאַלטסרייכען רעפעראַט וועגען די אויפגאַבען פון דער נייער שול. זיין רעפעראַט איז אויסגעהערט געוואָרען מיט גרויס אינטערעס און איז בעשאָנקען געוואָרען מיט לאַנגדויערנדע אַפּלאָדיסמענטען.

מיט גרויס בעגייסטערונג איז אויפגענומען געוואָרען דער שעפער און גרינדער פון גימנאַזיע, דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט געגעבען אַן׳איבערבליק איבער דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון גימנאַזיע. דער דיכטער האָט אויך אויף אַ מייסטערהאַפטען אופן גערעדט וועגען ערציהונג.

אַ בעזונדער׳ס גרויסע אָוואַציע האָט דער דיכטער געהאַט פון די שילער.

שפּעטער האָבען די שילער: גלאַגאָווסקי, מאַליניאַק און נאַדעטניק מיט גרויס ערפאָלג דעקלאַמירט העברעאישע און פוילישע לידער.

מיט גרויס בייפאַל האָט דער 15־יעהריגער שילער בעזמאַן געשפּילט אַ שווערע קאָמפּאָזיציע אויף פידעל. דער יונגער בעזמאַן ווייזט אַרויס אַ גרויסע מוזיקאַלישע בעגאַבונג.

די פייערונג האָט געשלאָסען דער שילער־כאָר.

דאָס גימנאַזיע פערנעהמט איצט אַן׳אייגענעם בנין.

שפּעט ביינאַכט איז נאָך פאָרגעקומען אַ באַנקעט דאָס לעהר־פּערסאָנאַל האָט דעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן אונטערגעטראָגען אַ פּראַכטפולען אַלבום מיט אַ קינסטלערישע אויסגעפיהרטען אַדרעס.

דער עולם האָט זיך משמח געווען ביז פאַרטאָגס.

יודיש טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע“

דירעקציע: ד. צעלמייסטער און א. בעזמאַן.

היינט, מאָנטאָג, 9 אָוועגד — א מתנה דעם לאָדזער טעאַטער־עולם!

א סך פערגעניגען פאַר וועניג געלד!

אַלע בילעטען אין פאַרטער פון די ערשטע ביז די לעצטע רייה צו 1 זל., באַלקאָן 50 גר.

היינט דאָס שענסטע פון שענסטען, דאָס בעסטע פון בעסטען, ביליגער ווי ביליג!

מיט דעם לאָדזער ליבלינג **רעגינא צוקער** מיט דעם לאָדזער ליבלינג

ס׳ווערט געשפּילט די בעליבטע פּיעסע מיט געזאַנג און טענץ

פון כתריאל׳עווקע ביז ניו־יאָרק

דינסטאָג אין „קאַמעראַל“־טעאַטער טעאַטער און פּאַטעלעז

א וואָרט־קאָנצערט פון דער **ווילנער טרופּע**

אין פּראָגראַם: XVI יאָר. פירונג: מ. מזאה. אין פּראָגראַם:

דראַמע, ליריק, הומאָר און פאָלקס־ליד. פּרייזען פון 80 גר. ביז 2 זל.

בעגנבעט א שוהל

שבת ביינאַכט האָבען גנבים אויפגעבראָכען די טיר פון דער ליטווישער שוהל אויף וואָכאָדניאַ 25, אויפגעריסען אַ שאַנק און צוגע׳גנב׳עט עטליכע טליתים און תפילין, אַ חוץ דעם האָבען זיי צוגענומען אַלע עלעקטרישע לעמפלעך אין שוהל און זענען נעלם געוואָרען. וועגען דער גנבה איז געמאָלדען געוואָרען דער פּאָליציי. די גנבים האָט מען נאָך נישט געכאַפּט.

פידעל־ווירטואָז מישא פּאָזנאַנסקי
וועט שפּילען פאַר דער שול־יוגענד

מיטוואָך, 12 אַ זייגער ביי טאָג קומט פאָר אין זאַל פון פילהאַרמאָניע אַ גרויסע פידעל־קאָנצערט פון בעקאַנטען ווירטואָז, דער לאָדזער מישא פּאָזנאַנסקי. דער קאָנצערט איז בעשטימט פאַר דער שול־יוגענד.

פּאָזנאַנסקי האָט שוין איצט אַ גרויסען נאָמען אין דער מוזיקאַלישער וועלט, זיינע קאָנצערטען אין אַמעריקא זענען געווען גרויסע מוזיקאַלישע געשעהענישען, אויך זיין ערשטער קאָנצערט אין לאָדז, האָט געהאַט אַן׳אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג.

גרויסער ערפאָלג פון רעגינע צוקער אין יודישען טעאַטער

היינט ווערט אין יודישען טעאַטער אויפגעפיהרט די ערפאָלגרייכע פּיעסע פון „כתרילעווקע ביז ניו־יאָרק“ מיט דער בעריהמטער רעגינע צוקער אין דער הויפּט־ראָלע.

עס בעטייליגט זיך דער גאַנצער אַנסאַמבל.

טעאַטער־רעפּערטואַר

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע — „פון כתרילעווקע ביז ניו־יאָרק“

יודיש קאַמעראַל־טעאַטער „א האַרץ וואָס בענקט“.

שטאָטיש פּויליש־טעאַטער — „זאַיקאָ׳ס וואוינונג“.

קאַמעראַל טעאַטער — — האַו האַו.

פּאָפּ לאַרני — היינט „צפון־עקספּרעס 133“

קאַקטייל (רעווי) לאָך, לאָך.

צום זכרון פון דעם ג׳ פּובליקום!

מיר עמפּפעהלען דעם קאָנקורענצלאָזען רעפּערטואַר פון קלאַנג־קינאָ

„CAPITOL“

דוד גאָלדער

פילם, וואָס ריהרט ביז טרעהרען אַלע מענשען און אַלע ראַסען.

„X 27“

מעכטיג מייסטערווערק רעזשי Sternberg

מיט דער אונפערגלייכליכער Marlena Dietrich

„די בלום פון אַלזשיר“

ווייטערדיגער רעפּערטואַר קומט.

ראַדיאָ־פּראָגראַם
מאָנטאָג, דעם 30. נאָוועמבער

11,58 צייטסיגנאַל, 12,10 גראַמאָפאָן, 3,25 פּלויפּלויפּ פאָרלעזונג. 3,45 קאָמוניקאַט פאַר פישער און שיפער, 3,50 גראַמאָפאָן, 4,20 לעקציע פראַנצויזיש, 4.40 גראַמאָפאָן, 5,10 פאָרלעזונג, 5,35 לייכטע מוזיק, 6,50 פערשידענעס, 7,15 קאָמוניקאַט פון לאָדזער האַנדעלס־קאַמער, 7,30 רעפּערטואַר, 7,45 ראַדיאָ־פּרעסע, 8,00 אָפּערע, 10,40 קאָמוניקאַט. 11,00 לייכטע און טאַנץ מוזיק.

מאַשין־לעכער ווערען אָנגענומען אויסצונייען ביי ג׳ נאַרדמאַן שרודמיעסקאַ 8.

ר. איזראעל.

פּערעלע

(32

א סענסאַציאָנעל־עראָטישער ראָמאַן פון דער לאָדזער ווירקליכקייט

פּערעלע איז געווען איבעראַשט, זי האָט זיך נישט געריכט דערויף, אַז דער פּערשוין וועט זי לאָזען אַזוי רוהיג אַוועקגעהן, זי איז נאָך אַביסעל געשטאַנען אין סאַלאָן, כדי נישט צו ווייזען אַז זי האָט מורא. גאָרדאָן האָט אָבער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דאָס וואָס ער האָט געזאָגט:

— איהר קאָנט געהען.

פּערעלע האָט זיך געפיהלט איצט פאַר דער זיגערין און האָט זיך בכלל נישט געאיילט אַוועקצוגעהען.

— איך בין דאָך געקומען אין אַן׳אַנדער ענין, איך וויל דאָך ראַטעווען לעאָן דרייהאָרן, איך ווייס אַז ער איז אונשולדיג אַרעסטירט געוואָרען, אָבער כדי איך זאָל וויסען וואָס אָנהויבען צו טון וואָלט איך געדאַרפט וויסען פאַר וואָס ער איז פערהאַלטען געוואָרען.

— איהר געפעלט מיר, פריילין האַלפּערין, האָט דער מענש מיט די שלאַנגען־אויגען געזאָגט אָט אַזאַ כאַראַקטער דאַרף א מענש צו האָבען, איך וועל זיין מיט אייך אין קאָנטאַקט.

— דאָס מאַכט מיר נישט קיין צו גרויס פּערגעניגען, מיין העה, אָבער איצט האָב איך געוואָלט וויסען, פאַר וואָס איז לעאָן דרייהאָרן אַרעסטירט געוואָרען?

— איך וועל זיין מיט אייך אויפריכטיג און זאָגען דעם גאַנצען אמת, איך ווייס נישט פאַר וואָס ער איז אַרעסטירט געוואָרען, איך בין אָבער הונדערט פּראָצענט איבערצייגט אַז זיין אַרעסט שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מאָרד איבער פריילין האַנקאַ ראַווסקאַ.

— האָט ער זי דען ערמאָרדעט? האָט פּערעלע דערשראָקען געפרעגט.

— ניין, האָט גאָרדאָן מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט געענטפערט, אימיצער אַנדערש האָט זי דערמאָרדעט, אָבער זעהט אויס, אַז ער האָט עפּעס אַ שטיקעל שייכות דערצו.

— איך וועל אויך זיין מיט אייך אויפריכטיג, האָט פּערעלע געענטפערט, איך בין דאָ אַהער געקומען זיך נאָכפרעגען וועגען אַרעסט פון דרייהאָרנען דערפאַר, ווייל ווי מיר האָט דרייהאָרן ערקלערט, איז ער אין מאָרד פון האַנקאַ ראַווסקאַ חושד צוויי מענשען און איינע פון די צוויי מענשען וואָס זאָלען וויסען פונ׳ם מאָרד האָט געזאָלט זיין די מאַדאַם ראָזענטאַל.

בערטאַ, וועלכע איז די גאַנצע צייט שטיל געווען און זיך גאָרנישט אָנגערופען אַפילו מיט איין וואָרט איז אויפגעשפּרונגען און אַ געשריי געטון:

— ווי וואַגט איהר דאָס צו זאָגען!

— ווער האָט אייך דאָס ערלויבט?

פּערעלע האָט זיך נישט דערשראָקען פאַר בערטאַס אויפרעגונג, זי האָט שוין געזעהען אַז די מאַדאַם ראָזענטאַל איז איינגאַנצען אין דער מאַכט פון דעם פּערשוין, וועלכער געפינט זיך דאָ און דער פּערשוין וועט איהר יעדענפאַלס אין איצטיגען מאָמענט קיין שלעכטס נישט טון, אַזוי איז טאַקע געווען.

— זייט שטיל בערטאַ, רעגט זיך נישט אויף, האָט דער מאַן מיט די שלאַנגען־אויגען געזאָגט, יעדער איינציגער קען זיך רעדען וואָס ער וויל, אַנדערע קענען אָבער רעאַגירען ווי אַזוי זיי ווילען, מיר וועלען זיך מיט דעם ענין אויך אַן׳עצה געבען. און ווענדענדיג זיך צו פּערעלען האָט ער געזאָגט:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך בין אַן׳אינטערנאַציאָנאַלער הויכשטאַפּלער, שווינדלער און פערברעכער, איך האָב שוין געזעהען און געפיהלט גרעסערע געפאַהרען און איך האָב זיך אויך אַרויסגעדרעהט.

— דאָס אַלץ געהט מיך נישט אָן, מיין העה, מיר געהט נאָר וועגען ראַטעווען לעאָנען, וועלכער איז זיכער אונשולדיג.

— דאָס דוכט זיך אייך אַזוי, איהר וועט זיך דערוויסען שפּעטער אַנדערע זאַכען.

— אויב אַזוי וועל איך שוין געהען, ווען איך קען זיך פון אייך גאָרנישט דערוויסען, האָב איך מעהר גאָרנישט צו פרעגען.

פּערעלע איז אַרויסגעגאַנגען. די פרישע לופט אויפ׳ן גאַס האָט גוט געווירקט אויף איהר געמיט, זי איז געווען זעהר מיד און אָנגעשטרענגט פון דעם אויסטערלישען געשפּרעך וואָס זי האָט ערשט געפיהרט. דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען, האָט זי געהאַט די געלעגענהייט און די אומשטענדען האָבען זי צוגעפיהרט זיך צו אַנגאַזשירען אין ענינים וואָס זענען שטענדיג געווען אַזוי פרעמד פאַר איהר און זי איז געווען אַזוי ווייט פון זיי. איצט ערשט האָט זי אָנגעהויבען נאָכצודענקען וועגען דעם אַלעם וואָס דער שרעקליכער מענש מיט די שלאַנגען אויגען האָט צו איהר גערעדט, און איהר האָט זיך אָנגעהויבען אויסצוווייזען אַז ס׳איז מעגליך, אַז אַ טייל פון דעם אַלעם זאָל זיין אמת. לעאָנס אויפפיהרונג און זיינע האַנדלונגען אין דער לעצטער צייט האָבען טאַקע געקענט אַרויספיהרען אויפ׳ן פּערדאַכט אַז מיט איהם איז עפּעס נישט אַלץ אין אָרדנונג. ער האָט דאָך געהאַט פאַר איהר עפּעס מאָדנע סודות, ער איז געווען בעהאַלטען אין זיך און נישט געוואָלט זאָגען וואָס אַ־עלכעס איהם פּייניגט. דאַן ווייטער, האָט זי בעמערקט די לעצטע צייטען, אַז ער וויל זיך פון איהר דערווייטערען, נישט דערפאַר ווייל ער האָט זי אויפגעהערט צו ליבען נאָר ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זי נישט געוואָלט מיטשלעפּען אין דעם זומפּ אין וועלכען ער איז איינגעזונקען.

— יאָ, האָט זי זיך געטראַכט, דער שרעקליכער מענש איז נישט איינגאַנצען אומגערעכט, עפּעס קומט פאַר מיט לעאָנען.

פּערעלע האָט שוין געטראַכט, אַז זי זאָל איבערגאַנצען זיך דערווייטערען פון לעאָנען, אַזוי ווי זי האָט שוין געהאַט עטליכע מאָל בעשלאָסען. אָבער ווידעראַמאָל האָט זי געפיהלט אַז זי וועט דאָס נישט קענען פועל׳ן ביי זיך, צו שטאַרק ליבט זי איהם, צו שטאַרק איז ער איהר איינגעבאַקען אין האַרצען, אַז זי זאָל איהם קענען דווקא איצט, ווען ער געפינט זיך אין אַן׳אומגליק, פערלאָזען.

(פאָרטזעצונג קומט).

ענגליש-אינדישע קאנפערענץ

ווערט פערענדיגט אהן רעזולטאט

א נייע קאנפערענץ זאל גערופען ווערען קיין אינדיען

לאָנדאָן, 29 (ספ. טעל.) שבת האָט זיך אָנגעהויבען דער לעצטער אַקט פון דער קאָנפערענץ ביים „רונדען-טיש“, וואָס וועט דויערן 3 טעג.

אויף דער קאָנפערענץ וועלען אויסגעהערט ווערען בעריכטען פון די קאָמיסיעס.

עס וועט אויך אויסגעהערט ווערען מאַקדאָנאַלדס ערקלערונגען פון דער ענגלישער רעגירונג. מען שמועסט, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט בדעה צו שיקען קיין אינדיען אויספאָרשונגס-קאָמיסיעס צוצוגרייטען אַ באָדען פאַר אַ דריטער קאָנפערענץ ביים „רונדען-טיש“, וואָס זאָל פאָרקומען אין אינדיען. די ביז-איצטיגע קאָנפערענץ ביים „רונדען-טיש“ בלייבט אָהן רעזולטאַט.

אַלס בעווייז, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט מאַקע בדעה פאַרצוזעצען די קאָנפערענץ ביים „רונדען-טיש“, ווייזט מען אויף לאָרד סענקיס רעדע אויף דער זיצונג פון דער קאָלאָניען - קאָמיסיע, וועלכע ער האָט פערענדיגט מיט'ן צורוף: „אויף ווידערזעהען“!

שטאַרקע באָיקאָט-אגיטאַציע געגען יודען אויף די קרעסען

וואַרשאַ, 29 (טעלעפאָניש) פון די קרעסען קומען אָן ידיעות וועגען אַ שאַרפע באָיקאָט-אַגיטאַציע געגען יודען, וואָס ווערט דאָרט געפיהרט. אויב די דאָזיגע אַקציע זאָל אויך אויף ווייטער אָנהאַלטען, ווערען בעדראָהט די דאָרטיגע יודישע עקזיסטענצען.

אמעריקאנער באנקירען

האָבען פּראָלאָנגירט די קורץ-טערמיניגע הלוואות פאַר דייטשלאַנד

ניו-יאָרק, 29 (ספ. טעל.) נאָך 2-טאָגיגע בעראַטונגען האָבען די דירעקטאָרען פון די אַמעריקאַנער בּענק מסכים געווען אָפּצולעגען די קורץ-טערמיניגע דייטשע הלוואות.

מצד דער אַמעריקאַנער פינאַנסוועלט פאָהרט די טעג אַרויס קיין בערלין דער פאָרשטעהער פון באַנק-פעראיין, כדי אויפ'ן אָרט צו ערלעדיגען דעם ענין.

א בעדואינער שבט

ערמאָרדעט 2 פראַנצויזישע לופט-פליהער

פּאַריז, 28 (ספ. טעל.) די הויפּט-אַנפיהרונג פון קאָלאָניאַל-מיליטער אין מאַראָקאָ מעלדעט וועגען טראַגישען טויט פון צוויי פראַנצויזישע לופט-פליהער.

2 לופט-פליהער, וואָס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אין מאַראָקאָ זענען ערמאָרדעט געוואָרען דורך די מיטגלידער פון אַ בעדואינער שבט.

נחת פון עלטערן

זענען נאָר געזונדע קינדער, דאָגעגען שוואַכע און קראַנקע קינדער פאַרשאַפען אייביגע דאגות, דעריבער טאַקע איז פאַר יעדער מוטער, וואָס זאָרגט וועגען געזונד פון איהר קינד, זעהר טשיקאַווע דער בריף פון ה' פ. יאַצעק פון שעמיאַנאָוויצע, מאַטעיקי 22, אין וועלכען ער שרייבט צוו. אַנד.:

מיין קליינער העניעק האָט אין אָנהויב געליטען אויף דער ענגלישער קרענק און בלייכקייט, וואָס איך, ווי דאָס איז דער פאַל ביי פיל עלטערען, האָב איך עס נישט באַלד בעמערקט, איך בין אָבער שטאַרק אומרוהיג געוואָרען דערפון, ווען איך האָב בעמערקט, אַז דאָס קינד איז אומגעוועהנליך בלייך, האָט עטוואָס אויסגעקרומטע פיסלעך און האָט נישט קיין פיצעל אַפּעטיט. דאַן האָב איך זיך בעשלאָסען דורכצופיהרען די קוראַציע מיט עמולסיע פון סקאָט, הגם איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס קינד וועט נישט וועלען געהמען דעם דאָזיגען פּרעפּאַראַט. עס איז אָבער געווען פונקט פאַרקעהרט — דאָס קינד האָט נישט נאָר גערן גענומען זיין „שמיעטאַנקע“, נאָר האָט אַפילו כסדר געפאָדערט זיין טעגליכע פּאָרציע. נאָך דריי חדשים האָב איך שוין געקאָנט בעמערקען די גוטע רעזולטאַטען : די גרויסע מורא פאַר דער ענגלישער קרענק און בלייכקייט זענען אַוועקגעקומען אָהן שום שפור. דאָס יונגעל האָט געקריגען אַ שטאַרקען אַפּעטיט און וועהרענד אַ קורצער צייט האָט ער זיך ענטוויקעלט אי גייסטיג, אי פיזיש. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס האָב איך באַר צו פאַרדאַנקען דער „עמולסיאַ סקאָטאַ“, וועלכע האָט געווירקט אויף מיין קינדס אָרגאַניזם אויסערגעוועהנליך. דאָס זעלבע קאָן מען אויך רעדען פון טויזענדער עלטערן. אין דער גאַנצער וועלט גיט יעדע גוטע מוטער איהר קינד „עמילסיא סקאָטאַ“, די נאַטירליכע וויטאַמין-פּאַסטילקעס, וועלכע שטאַרקען דעם קערפּער און גיבען איהם צו אַ דויערהאַפטיגקייט געגען אַלערליי אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, ווי גריפּע, קאָקלוש, שקאַרלאַטין, סוכאָטעס א.אַז.וו. „עמילסיא סקאָטאַ“ האָבען אַנגענעהמען געשמאַק, לייכט צו פאַרדייהען און דערפאַר נעהמט עס יעדער גערן. פאָדערט דעריבער אַ־בעסאַל נאָר אָ־י־עלע „עמולסיא סקאָטאַ“, ווייל פאַר אונזערע קינדער איז נישט פאַראַהאַן קיין בעסער מיטעל ! — צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד אַפּטעטשנעס.

ווייטערדיגע שלאַכטען אין מאַנדזשוריע

יאַפּאַן שאַפט אַן „אומאָפּהענגיגע“ מאַנדזשוריע

טאָקיאָ, 28 (פּאַט). די האָפענונג צו רעגולירען דעם כינעזיש-יאַפּאַנישען קאָנפליקט זענען געוואָרען שוואַכער. בעכסען אָווענד האָט זיך ארום טיען-טזין ווידער אָנגעהויבען אַ שלאַכט. דער גאַרניזאָן פון טשען טשאַו האָט אָנגעהויבען אַ גענעראַל-אָפענסיווע געגען די יאַפּאַנער. די רעגירונג האָט אויף אַן עקסטרע זיצונג בעשלאָסען צו שיקען קיין טיען-טזין פאַרשטאַרקונגען.

מאָסקווע, 28 (פּאַט). לויט ווי די קאָרעספּאָנדענטען פון די סאָוויעטישע צייטונגען מעלדען, האָט דער פאַרבינדעטער פון יאַפּאַן יואַן סין-קאַי זיך געווענדעט צו די שעפען פון די ציטווייליגע רעגירונגען אין מוקדען, גירין, הײלונגטשיאַן און זהאָ, מיט אַ נייעם פּראָיעקט צו שאַפען אַן אומאָפּהענגיגע מאַנדזשוריע.

פּאַריז, 28 (ספּ. טעל.) דער אַמבאַסאַדאָר יאָשיזאַוואַ האָט מיטגעטיילט די מיטגלידער פון דער פעלקער-ליגע, אַז פון דאָנערשטאָג אָן קומען פאָר שווערע קאַמפען צווישען כינעזישען און יאַפּאַנישען מיליטער אין טיען-טסין. די סיטואַציע פון די יאַפּאַנער איז אַ שווערע. ביז איצט זענען ביי די דאָזיגע קאַמפען אומגעקומען 50 זעלנער.

אַלע יאַפּאַנער פון 14 ביז 40 יאָהר זענען דורכ'ן מיליטער-קאָמענדאַנט אין דער קאָנצעסיע אויפגעפאָדערט געוואָרען זיך צו פאַרטיידיגען פאַר די כינעזישע זעלנער. אין די גאַסען-קאַמפען אין טיען-טשין זענען אומגעקומען 18 איי-אָפּער און אַמעריקאַנער.

ס'קומען אויך פאָר קאַמפען אין טשין-טשאַל. דאָס יאַפּאַנישע מיליטער מאַרשירט אין טשאַנגטשאַו. דער קאָנפליקט צווישען דער מיליטער-אָנפיהרונג און דער רעגירונג דויערט ווייטער. אויב דער יאַפּאַנישער גענעראַל האַניאַ וועט ווייטער פיהרען די אָפענסיווע וועט די יאַפּאַנישע רעגירונג אונבעדינגט דימיסיאָנירען.

מאַניפעסטאַציעס פאַר'ן יוגאָסלאַווישען קאָנסולאַט אין סאָפיאַ

בעלגראַד, 29 (פּאַט) די פּרעסע רעדט אַרום די געשעהענישען, וואָס האָבען זיך געמאַכט אָפּגעשפּילט פאַר'ן בנין פון יוגאָסלאַווישען קאָנסולאַט אין סאָפיאַ. מען ווייזט אָן, אַז צוליב דעם, וואָס די זעלבע געשעהענישען קומען פאָר אין סאָפיאַ יעדעס יאָהר אין זעלבען דאַטום, האָט מען געקאָנט אָננעמען מיטלען זיי אויסצומיידען.

סאָפיאַ, 29 (פּאַט) די בולגאַרישע טעלעגראַפען-אַגענטור שטעלט פעסט, אַז פאַר'ן יוגאָסלאַווישען קאָנסולאַט אין סאָפיאַ האָבען זיך פאַרזאַמעלט עטליכע הונדערט פּערזאָן, נאָר די פּאָליציי האָט נישט דערלאָזט די מאַניפעסטאַנטען צום בנין פון קאָנסולאַט. דאָך האָבען זיך איינציגע מאַניפעסטאַנטען אַדורכגעריסען צום בנין און אויסגעהאַקט מיט שטיינער די שויבען.

ספּאָרט-בעוועגונג.

(ענדע פון 4-טע זייט).

די אונגאַרישע פּינג-פּאַנג-מייסטער קומען נישט קיין לאָדז

דערפאַר וועט פאָרקומען אַ טורניר מיט'ן לעמבערגער „חשמונאי“

ווי מיר דערוויסען זיך האָט דער אונגאַרישער פּינג-פּאַנג פערבאַנד נישט געגעבען קיין ערלויבניש די אונגאַרישע פּינג-פּאָנג וועלט מייסטער צו קומען קיין פּוילען, צוליב דעם איז די אימפּרעזע, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען אין לאָדז אָפּגערופען געוואָרען.

דער אונגאַרישער פערבאַנד בעטאָנט אין זיינע מאָטיווען, אַז נישט קוקענדיג אויף דער הבטחה וואָס דער פּוילישער פּינג-פּאַנג פערבאַנד (זיץ-אָרט אין לאָדז) האָט געגעבען איז ער ביז איצט נאָך נישט צוגעטרעטען צום אינטערנאַציאָנאַלען פערבאַנד פון פּינג-פּאַנג.

כדי אָבער צו אָרגאַניזירען אַ גרויסע פּינג-פּאַנג-אימפּרעזע אין לאָדז, אָרגאַניזירט די סעקציע פון לאָדזער „מכבי“ אַ גרויסע פּינג-פּאַנג-טורניר מיט'ן אָנטייל פון לעמבערגער חשמונאי. אין טורניר וועט אויך אָנטיילנעהמען דער אינדיווידועלער פּוילישער מייסטער קוהל, די גענויע טערמינען און פּראָגראַם וועלען בעקאַנט ווערען די נאָהענטסטע טעג.

אַ נאַרט-קורס פון לאָדזער „מכבי“

די סעקציע פון ווינטער-ספּאָרטען פון לאָדזער „מכבי“ אין פאַרשטענדיגונג מיט דער נאַרטען-סעקציע פון קראָקאָווער „מכבי“, אָרדענט איין אַ נאַרטען-לאַגער אין קאָוואַניעץ הינטער נאָווי-טאַרג, וועלכער וועט דויערן פון 24 דעצעמבער ביז'ן 2 פעברואַר 1932.

די אָנטיילנעהמער וועלען אַדורכגעהן אַן עלעמענטאַרען קורס פון פאָהרען אויף נאַרטעס אונטער דער אָנפיהרונג פון פאַך-אינסטרוקטאָרען.

די אוואַנסירטע אָנטיילנעהמער וועלען זיך בעטייליגען אין אויספלוגען אין גורקאַ און טאַטרי.

די בעדינגונגען אָנגענומען צו ווערען אויפ'ן קורס זענען עפּעלגענדע: מ'דאַרף אַ פולשטענדיגען נאַרטען-קאָמפּלעט און מ'דאַרף איינצאָהלען פאַר 10 טעג 50 זל., אָדער פאַר איינצעלנע טעג צו 5 זל. 60 גר. אַ טאָג.

די אָנטיילנעהמער געניסען פון 50 פּראָצענט הנחה אויף דער באַהן.

אַלע אינפאָרמאַציעס ערטיילט און איינשרייבונגען נעהמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון „מכבי“ גדאַנסקאַ 40 פון 6 ביז 10 אָווענד יעדען טאָג.

אינטערנאַצ. באָקס-מעטש

מכבי (וואַרשאַ) לעטלאַנד (רעפּרעז.) 6:8

וואַרשאַ, 29 (טעלעפאָניש) נעכטען איז אין וואַרשאַ פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער באָקס מעטש צווישען דעם וואַרשאַווער „מכבי“ און דער רעפּרעזענטאַנץ פון לעטלאַנד. דער צירק וואו דער מעטש איז פאָרגעקומען איז געווען איבערפולט. די קאַמפען זענען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. דעם מעטש האָט געוואונען דער וואַרשאַווער מכבי מיט'ן רעזולטאַט פון 6:8.

אלטע זשאַרזשעקעס

טויש איך אויס אויף נייע נעגען צוצאָהלען אַ האַלבען פּרייז
אין פּאַפּיר-געוועלב „JUTEA“

CH. BORNSZTAJN
ZIELONA 47.

לאָדזער יודישער קאַמעראַל-טעאַטער
אַרעע 1-טער מאַי 2.
דירעקציע: דוד צעלמייסטער

היינט, מאָנטאָג, 9 אַ זייגער אָווענד **לאָדזער טעאַטער-עולם !**
אזעלכעס האָט איהר נאָך נישט געזעהן!

גאַנץ לאָדז רעדט היינט פון גרויסען רעקאָרד-שלאַגער
מיט **בערטאַ זאַסלאַווסקאַ** און **לעאָן געטליכערמאַן**

אַ האַרץ, וואָס בענקט

אין 3 אַקטען פון יודישען לעבען מיט געזאַנג און טענץ
ריהרענד ! **שפּאַנענד !** אַמוזירענד ! סענסאַציאָנעל !
איינהייטס-פּרייזען: אַלע פּלעצער אין **פּאַרטער 50** גר. און 1 זל; ערשטע רייה
נוצט אויס די געלעגענהייט! שפּאַס-ביליג, כמעט בחנם, ביליגער ווי אין קינאָ

מאָרגען, דינסטאָג, 9 אָווענד **טעאַטער און פּאַעטעלעז**
אָוואַרט-קאָנצערט פון דער **ווילנער טרופּע**
אין פּראָגראַם: XVI יאָהר פיהרונג מ. מזאָה. אין פּראָגראַם:
דראַמע, ליריק, הומאָר און פאָלקס-ליד
פּרייזען פון די בילעטען פון 80 גר. ביז 2 זל.

היינט פּרעכטיגע פּרעמיערע! צירונג פון דער קלאַנג-פּראָדוקציע „British International Pictures“ רעזשי פון ריכאַרד Eichberg

„האַי-טאַנג“ („HAI-TANG“)

גרעסטער סוקסעס פון דער – גאַניצער כינעזערין – **ANNA MAY WONG** אין די איבריגע ראָלען: **George Schaell, John Longdon**

אויסער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען FOX און לאַנד-אַקטואַליט. אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 4.30 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג – 30 12 בייטאָג. דער זאַל איז בעהייצט אי ווענטילירט. פּאָפּולערע פּרייזען

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער

APOLLO

היינט פּרעמיערע!

דאָפּעל-פּראָגראַם

1) **„נאַכט-פליגער“**
אין די הויפּט-ראָלען: Barbara Stanwych, Mary Prevost, Ralf Graves, Lawall Sherman

2) **די בעקאַנטע פון דער גאַס**

דאָפּעל-פּראָגראַם
אַ מעכטיגע דראַמע, וועלכע רעדט צו די הערצער. פון'ם לעבען פון פרויען, וועלכע זענען געוואָרפען געוואָרען אין תהום פון מענשליכען לעבען. :—:
אין די הויפּטראָלען: **BETTY COMPSON**
JACK OAKIE, IWAN LEBEDIEW.

זיכערע הילף און א רפואה

אהז א אפעראציע, אן בלוט, אהז א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס

איז גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאי און עס פאלט אריין אין דעם כוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גומענע האל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסאר'ן מיט מיינע בע-האנדלונג און פון דייטשן פראפעסאר

דאקטאר בראכורעהונג בעווייזונגען זיכער דעם שמערטסו און געפעהרליכסטען ברוך. אויך פאר הויקערס דימוננגען מיט הייל-גארטעטען און אפאראטן פאר פערקרומטע פוס און פלאט-פוס ספעציעלע איינלאגען אין די שיך. מינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.

ספספאנגס פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונט.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונ-בעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזי-טעטס-פראפעסארן: פראף. ד"ר בארא־נטש, פראף. דר. י. מא-רישלער, פראף. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.

מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין הערצליכען דאנק דעם גרויסן ספעציאליסט ה' דיר. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואול-טשאנסקא 10 פאר לאקאליזירען מיר דעם ברוך, אויף וואס כ'האב געליטען א סך יאהרען.

באנדע עליאש, פיעטריקאווער 50.

קלאנג-קינא MIMOZA

קילינסקיעגא 178

היינט און פאלגענדער טעג!
גרויסע פרעמיערע!

„דער קעניג פון בולוואר"

אין דער הויפטראלע:
GEORGE MILTON

אנהויב 4 נאכט., שבת און זונטאג 2 בייטאג
אויפ'ן ערשטן סעאנס אלע פלעצער 60 גר

קלאנג-קינא-טעאטער ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

היינט און פאלגענדע טעג!
גרויסע פרעמיערע!

Rio-Rita

מיט'ן אנטייל פון דער געטליכער
JOHN BOLES און דעם העלדישען **BEBE DANIELS**

דאס שענע און גליקליכע ליבעס-פארל וועט זינגען די שענסטע מעלאדיעס. דער פילם „RIO-RITA" איז א יום-טוב פון דער קלאנג-זינגענדער פילם-קונסט.

אנהויב אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג 12 בייטאג.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90

ספעציאל-ארצט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

נעמט אן פון 8-2 און פון 5-9 אוונט.
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

מעבעל

א איבעראשונג פאר די אלע, וואס ווילען קויפען מעבעל!

מיר בעזיצען אויף לאגער אלע ארט מעבעל פון די בעסטע אוימל. מאטעריאלען. די פרייזן זענען רעדוצירט מיט 50%

א קאמפלעט שלאף-צימער צום פרייז פון 1050 זל.
" " שפייז-צימער " " " 1250 "
" " גאבינעט " " " 850 "

ווי אויך איינצעלנע מעבעל-שטיקער, בילינער ווי איבעראל

„סטיל", נארוטאוויטשא 4 טעל. 190-26. קומט און איבערציינט אייך

אי צו בע-קומען אין

Dr. med.
Haltrecht

ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנקה.,
נעהמט אן: פון 8—9.30 פריה
פון 1—2 נאכמיטאג און פון 6 ביז 9 אוונט.
זונטאג פון 9 ביז 1 בייטאג.
פיעטריקאווער 10
טעל. 245-21.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזן.

„SANATO"

בירורגיש-וועכנעריז-אנשטאלט
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע אין 2-טע קלאס

גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג

ד"ר מעד. ש. איינער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד ריימלער-קוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער

פרייז פון א געבורט
אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאמאוו
כירורגישע אפטיילונג פון ד"ר מעד. מ. סאנטאר

יעדער איינציגער מעבעל

האט זיך איבערציינגט, אז פאר
דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען או"וו
צאהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאן שענקעוויטש 23

טעלעפאן 191-00.

ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצט מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

נעמט אן פון 8-11 און פון 5-9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9-1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med.
H. LUBICZ

ספעציאליסט פאר הויט-, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43) טעל. 141-32
עמפאנגס-שעה'ן 8—10, 12—2 און 5—8, זונטאג אין יו"ט 9—1. פאר דאמען בעזונדערער ווארטע-זאל

קוואליפיצירטע
הערן-שניידער-ארבייטער

קענען זיך מעלדן זאפארט ביי ניעדזשוויעדזש, נארוטאוויטשא 5. 7272

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערן-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען

11-טען ליסטאפאד 9
קאנסטאנטינער טעלעפאן 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 — 11 און פון 2 — 3

44 וויכטיג פאר מחותנים! 44

קויפט נישט קיין
מעבעל
בעפאר איהר איבערציינט אייך נישט אין מיין מעבעל-געשעפט

Ch. ŁAZNIK

44 גדאנסקא (דלוגא) 44
טעל. 162-55

נאר ביי מיר קענט איהר בעקומען פערש. מעבעל שעהן, גוט און ביליג.

בעם: בקויף אויך גענוצטע מעבעל, דיוואנעס א. ז. וו.
קומט און איבערציינט אייך!

שיטרען

מיט פאריזער שרינדען

ווי אויך פערטיגע שיטלען ווערען ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט

צו ביליגע פרייזען
ביי קערש, סקווערצאווא 15
לינקע אפיצינע, 1-שטער שטאק.

Dr. J. Herszfinkiel

ספעציאליסט פאר קינדער-קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען
אויף זשעלאזנא 8a, טעל. 111-87
נעהמט אן פון 8—9 און פון 3—5 נאכמ.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר וועגערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערוועז-קראנקהייטען.

קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט לאסמעטיק.

-- מעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונד. --
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ.
נעמט-אן א פרוי-דאקטאר גור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
- בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. -

וויזיט 3 זל.

Dr.
med.
REICHER

פאלודניאווא 28, טעל. 20193
ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג
נעהמט אן פון 8—11 פריה און פון 5—8 אוונט.
זונטאג און יום-טובים פון 9—1 בייטאג.

קליינע אנאנסען

פרייז פון אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זל.

א צימער וויל איך אויפקויפן אויף וואכ פאר א מסחר עס זאל נישט זיין, געבען א געוואלב. צו ערפאהרען אין פאפיר-געוועלב זשעלאנא 47.

פערשידענעס

ס'איז פערלוירען געווארען א פרימא וועקסעל אויף דער סומע 119.50 זל. צאהלבאר ד. 30/XI 1931, אויסשטעלער פירמע „Minerwa" זשירא „Karol Rodzis", Danzig, Kohlenmarkstr. 12 דער וועקסעל ווערט ע־קלערט פאר אונגילטיג. דער פינדער ווערט געבעטען אפצוגעבענען צו י. ליוויקאוויטש, זאוואדזקא 14. 7269

וויכטיג פאר א זייגערמאכער, עס איז דא איבערצוגעבען אנ'אלט איינגעפיהרט זייגערמאכער געשעפט מיט איינריכטונג אויף זעהר גוטע בעדינגונגען ביי פאוולאווסקי ראקיטשינסקא 22 צו ערפאהרען פון 9 פריה ביז 9 אוונט.

עס איז נויטיג

הענטשקע ארבייטער און א רעפעזירקע איז נויטיג ביי שטערן קאנסטאנטינער 49 וו. 8.

עס ווערען געברויכט אויספערטיגערינס צו טריקא-וועש נאוואמיעסקא 28 1-טער שטאק פראנט

לאקאלען

ביליג צו פערמיטען א צימער, געאייגנעט פאר א דאמען שניידערין, אדער אויף א ביורא. ביי פישאף, פולנאצנא 9, אויך אויספערקויף פון פערשידענע מאלער-שאבלאנען.

DR.
MED.
J. LUBICZ

כירורג-ארטאפעד

פאלודניאווא 9, טעל. 183-17

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער אייגענע פראצאווניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען ווי: ווקלאדקעס אויף פלאטפוס, קונסטליכע הענד און פיס, גארסעטען א. ז. וו.
נעהמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכמיטאג.

געוו. אסיסטענט פון די קליניקען פון אוניווערזיטעט אין בערלין

DR. MED. STARKER

וועגערישע, הויט, האר און בלאז-קראנקהייטען

שרודמיעסקא 12
טעל. 126-87

נעהמט אן פון 9—11 און פון 4—8 אוונד.
זונטאג און יום-טוב פון 9 ביז 1 מיטאג
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן

לעטשניצע

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

רענטגען-אינסטיטוט

און ערצליך-דענטיסטישער קאבינעט

זגערזשער 17, טעל. 116-33

ד"ר גאלדשטיין-פאלאק אויגען-קראנקה פון 1—2
ד"ר וויינבערג אינערן, הערץ און לונגען פון 1—2 און פון 6—7
ד"ר יוסטמאן נערוועז-קראנקה. פון 12—2
ד"ר סטופעל רענטגען פון 12—2 און 4—6
ד"ר סאנטאר כירורגישע קראנקה. פון 5—6
ד"ר ראקאווסקי נאז, האלז און אויערן-קר פון 10—11, 2—3 און פון 6—7
ד"ר ראזענצווייג קינדער-קראנקהייטען פון 11—12 און פון 4—5
ד"ר רוזשאנער הויט- און געשלעכטס-קר. פון 1—2
ג. ראזעס צאהן - ארצט פון 9—1
א. גראדזענטשיק צאהן-ארצט פון 3—7

צאהן-טגנדהיילונג, בעלייכטונגען, קארינען, טאסטען א.א.וו. ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען א רענטגען-אינסטיטוט. — היילונג פון הויט-קראנקהייט פון קאפ (פארך) מיט רענטגען-שטראלען, פאר בעשטראלונג און דורכלייכטונג, קווארץ-לאמפען, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע

אלע מעגליכע אנאליזען.
אימפונגען נעגען שארלאך (סקארלאטין).
די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.
וויזיטען איז שטאט.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים; אויף דער פראווינץ 6—5 א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט — 40 " " " 60— " " " 4 "
נאכ'ן טעקסט — 12 " " " 18— " " " 8 "
צער א טיליפער-שורה: איפער דער שטאק 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Ka Wadawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21